180012 30 45 89 168 93 238 43 389 406 589 623 704 821 76 181007 25 86 117 18 419 610 24 35 81 82 813 182029 65 234 392 476 791 851 183061 81 86 160 62 379 439 82 558 72 613 57 87 735 99 924 184064 74 137 294 330 49 54 556 81 90 660 744 821 920 185002 55 130 203 77 303 18 483 552 604 726 831 72 922 34 40 86 186022 103 31 49 217 49 517 81 632 766 800 62 969 187118 52 299 304 481 502 98 789 821 46 79 98 937 93 94 188031 76 344 477 81 554 62 79 88 618 747 860 85 189050 408 72 534 668 92 734 877 976.

190196 426 54 560 87 622 66 95 760 802 925 60 191001 39 100 583 85 624 803 70 952 192011 45 239 63 78 349 96 400 19 29 575 732 84 922 51 71 193112 217 45 59 72 87 350 404 51 86 515 626 41 768 805 61 194066 111 49 98 259 348 537 601 66 787 817 96 907 72 67 195050 143 67 331 57 61 423 71 679 745 878 989 196007 122 29 71 96 229 359 401 540 86 716 839 83 996 98 197027 61 84 409 15 55 647 51 788 955 198007 126 53 76 320 67 495 505 650 790 844 998 199057 213 84 392 587 811 32 941.

200013 545 743 860 80 956 68 201067 172 284 420 46 560 61 86 709 98 950 202043 74 263 401 34 41 526 97 657 722 55 880 949 203055 67 227 313 564 695 724 96 884 924 28 204099 187 240 390 421 528 74 89 622 33 48 842 98 205006 119 19 86 230 99 356 98 417 55 64 545 74 93 679 96 706 20 91 984 92 206055 56 86 101 70 327 439 31 40 539 51 669 727 53 54 813 16 900 49 80 207133 45 227 30 78 302 445 554 625 29 77 744 868 964 82 208144 250 437 524 663 74 87 95 767 95 806 11 30 921 209067 298 326 32 42 69 427 568 652 66 91 715 805 60 962.

לאָדזשער טאָגעבלאַט

דער רעדאַקטאָר נעמט־אָן פון 6 ביז 7 אין אָוונד
נישט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

אַדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16
טעלעפאָנען: רעדאַקציע 100-57, אַדמיניסטראַציע 100-47.

דער דײַטשער „אָדער־אָדער"

די לעצטע רעדע פון דײַטשען רײַכס־ווער־מיניסטער גרענער אין דער בודזשעט־קאָמיסיע פון רײַכסטאַג, האָט געמאַכט א נישט־קליינעם שטורם אין דער וועלט, בעזונדערס אין פראַנקרײַך און אַרויסגערופען אן עפענטליכע דיסקוסיע וועגען דער פּאַציפיקאַציע פון אייראָפּא. דער אויסגאַנגס־פּונקט פון גרענער'ס רעדע איז געווען די טעזע פון פראַנצויזישען קריגס־מיניסטער מאַגינאָט, וועלכער האָט ערקלערט, אז דײַטשלאַנד אַלס לאַנד, וואָס איז שולדיג אין דער וועלט־מלחמה קאָן נישט פאָדערן, אז מען זאָל זי טראַקטירען גלײַך מיט אַלעמען אויפ'ן געביט פון בעוואָפענונג. דערויף האָט גרענער געענטפערט מיט גרויס אויפרעגונג, אז די „טעזע פון ווערסײַלער טראַקטאַט וועגען דײַטשלאַנד'ס איינציגער פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער וועלט־מלחמה איז שוין לאַנג אומגעוואָרפען געוואָרען דורך דער וויסענשאַפט". „דאָס פעסטשטעלען דעם אמת (וועגען דעם אויסברוך פון דער מלחמה) — האָט ווײַטער געזאָגט גרענער — וואָלט גובער מיטגעווירקט דערצו, אז עס זאָל אַוועקפאַלען דער יסוד פון ווערסײַלער טראַקטאַט, וואָס שטיצט זיך מאַקע אויף דער הנחה, אז דײַטשלאַנד אַליין איז שולדיג פאַר דער מלחמה". אַלס פּועל יוצא דערפון פאָדערט גרענער, אז דײַטשלאַנד זאָל ווערען אויסגעגליכען גלײַכבערעכטיגט אויפ'ן געביט פון בעוואָפענונג.

די רעדע פון רײַכסווער־מיניסטער האָט אַרויסגערופען — פערשטעהט זיך — א שטורם פון קאָמענטאַרען און פּראָטעסטען אין פראַנקרײַך. די רעכטע פּרעסע אין פראַנקרײַך איז, נאַטירליך, זעהר שטאַרק אויפגערעגט, האַלטענדיג, אז גרענער'ס טענות שטעהען אין א בולט'ער סתירה צום ווערסײַלער טראַקטאַט. די לינקע פּרעסע בעציהט זיך אָבער צו דער דײַטשער אינטערפּרעטאַציע. דער לינקער אָרגאַן דאַלאַדיער'ס ווײַזט זיך אַפילו אײַנגאַנצען מיט גרענער'ן געגען מאַגינאָט'ן...

זעלבסטפערשטענדליך קאָן די וועלט נישט זײַן גלײַכגילטיג צו דער ברירה, וואָס דײַטשלאַנד האָט איצט געשטעלט אייראָפּא: אָדער איהר וועט זיך אויך אָנטוואָפענען, אָדער ערלויבט אונז זיך אויך צו בעוואָפענען. מיט דער דאָזיגער ברירה, וואָס דײַטשלאַנד האָט איצט געשטעלט דער וועלט, מוז זיך עפּעס אָנהויבען. מ'קאָן זי נישט פערשווייגען און מ'קאָן דערויבער נישט אַריבערגעהן צו דער טאָגס־אָרדנונג. מ'קאָן אויך נישט, זעלבסטפערשטענדליך, אָפּקומען, לוי'טן בײַשפּיל פון דער שאָוויניסטישער פּרעסע פון די זיגערישע מלוכות, מיט הוילע ווידערלעגונגען און בעליידיגונגען אויפ'ן אַדרעס פון דײַטשלאַנד.

אין שײַכות דערמיט איז כדאי צו ווענדען די אויפמערקזאַמקייט אויף דעם אַרטיקעל פון לאָרד סעסיל, דעם רעפּרעזענטאַנט ענגלאַנד בײַם פעלקער־בונד. דער דאָזיגער אַרטיקעל, וועלכער טראָגט דעם נאָמען „די פליכט פון ענטוואָפענונג", איז עפּעס ווי דורך א וואונדערליכען צופאַל, פערעפענטליכט געוואָרען מיט א טאָג פריהער פאַר גרענער'ס רעדע...

לאָרד סעסיל הויבט אָן דערפון, אז די ענטוואָפענונגס־קאָנפערענץ, וואָס וועט פאָרקומען אין פעברואַר 1932, בעדערפט שוין הײַנט צו טאָג דעם האַרצען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. לאָרד סעסיל האַלט די דאָזיגע קאָנפערענץ פאַר איינע פון די וויכטיגסטע געשעהענישען אויף דער וועלט.

לאָרד סעסיל ציהט דורך דעם הויפּט־געדאַנק, אז אין פאַל, ווען די ענטוואָפענונגס־קאָנפערענץ וועט לײַדען א מפּלה, אָדער אַפילו נאָר א טיילווײַזע מפּלה, וועלען די בעזיגטע מלוכות, ווי דײַטשלאַנד, עסטרײַך, אונגאַרן און בולגאַריען, זיך אָנהויבען צו בעוואָפענען אין אזא שנעלען טעמפּאָ, אז אייראָפּא וועט ווײַטער ווערען צוטיילט אויף 2 בעוואָפענטע לאַגערן, און דאָס בעוואָפענונגס־געיעג וועט אָננעמען א שרעקליך אומגעהויערע מאָס. לאָרד סעסיל פיהרט דאַן אויס, אז די ענטוואָפענונגס־קאָנפערענץ מוז זיך דערויבער אײַנגעבען. דערבײַ איז זעהר אינטערעסאַנט די בעגרינדונג פון דעם דאָזיגען פאָסטולאַט. די ענטוואָפענונג איז געוואָרען פון בעזונדערער וויכטיגקייט, וויל מען מוז שטאַרק באַלאַנסירען די בעזיגטע מלוכות. עס זענען שוין דאָ אַלע אַנצייכענונגען, אז די ענטוואָפענונג פון פרידענס־טראַקטאַטען. סעסיל ערקלערט נעמליך, אז די אינצטיגע אָרגאַניזאַציע פון פרידען, וואָס איז געשטיצט אויף די טראַקטאַטען פון ווערסײַל און לאָקאַרנאָ האָבען אונטער זיך דעם פּרינציפּ פון א אַלגעמיינער ענטוואָפענונג. עס האַנדעלט זיך נישט דאָ — שרײַבט בפירוש לאָרד סעסיל וועגען די פּראָטעסטען פון דער דײַטשער רעגירונג אָדער וועגען די פּאָסטולאַטען פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען, נאָר אין דעם, אז אין פאַל, ווען די קאָנפערענץ פון יאָהר 1932 וועט נישט פערווירקליכען די האָפנונגען, וואָס מען האָט אויף איהר אַרויפגעלייגט, וועט דער דײַטשער „פּאַטריאָטיזם" אויפהויבען מיטגעבויש דעם קאָפּ און דערמאָלט וועט זיך אָנהויבען א צײַט פון א רײַזע בעוואָפענונגס־געיעג. לאָרד סעסיל פירט נישט די דאָזיגע טענה אַליין און ער טוט זי אויך נישט רעכטפערטיגען, נאָר ער שטעלט בלויז פעסט דעם פאַקט, אז דער „נאַציאָנאַלער שטאַלץ" איז נאָך לעבן שטאַרקער פון'ס כלאָרען פערשטאַנד.

סעסיל לייגט פון זײַן זײַט פאָר, אז די בעוואָפענונג זאָל בעגרענעצט ווערען אויף 25 פּראָצ. אַלס התחלה אויפ'ן וועג פון ענטוואָפענונג, וואָלט דאָס געווען א דרייסטער און ווירקזאַמער שריט. האָט שוין ווידער די פראַנצויזישע טעזע פון פערזיכערונג, קומט לויט סעסיל'ן אויס, אז דער קעלאָג־פּאַקט צוזאַמען מיט דעם פּאַקט פון פעלקער־בונד און דער לאָקאַרנאָ־אָפּמאַך. און דאַן דער אָפּמאַך וועגען פינאַנציעלער הילף פאַר דער בעפאַלענער מלוכה — געבען צוזאַמען א גאַנץ גענוגענדע גאַראַנטיע פון שלום, אַזוי אז מען קאָן שוין אַרויסציהען דערפון ווײַטערע קאָנסעקווענצען.

אַזוי פיל לאָרד סעסיל. דאָס וואָס זײַנע אויספיהרונגען ווערען קוואַליפיצירט אַלס „נערמאַניאַ־פּאָליטיק", וועט צו גאָרנישט דערפיהרען, בלויז ווי דאָס אַריבערגעהן צום סדר היום איבער דער רעדע פון רײַכסווער־מיניסטער גרענער.

דײַטשלאַנד האָט מאַקע נישט קיין רעכט זיך צו בעוואָפענען צוגלײַך מיט אַלע אַנדערע מלוכות, זי האָט אָבער א רעכט צו דערמאָהנען אייראָפּא דעם אַרטיקעל 8 פון ווערסײַלער טראַקטאַט, וועלכער זאָגט בפירוש, אז „די מלוכות, וואָס האָבען אונטערגעשריבען דעם טראַקטאַט אָנערקענען, אז כדי צו דערהאַלטען דעם שלום מוז די נאַציאָנאַלע בעוואָפענונג בעגרענעצט ווערען ביז צום מינימום".

ד"ר וו. בערקעלהאַמער.

לאָדזשער יודישער קאַמעראַל־טעאַטער
— אין ווייסע זאַל —
„מאַנטיפעל"
זאַכאָדניאַ 43
קינסטלערישע לייטונג:
מ. בראָדערזאָן.
— נײַער —
אַרערט
הײַנט, זונטאָג, 2 פאָרשטעלונגען אָנהויב 7.45 און 9.55 אָוו.
„יום־טוב אינדערוואָכען"
אין 2 טיילען, 12 נומערן.
אין פּראָגראַם: 1) פּראָלאָג, 2) געטרײַע ז בע, 3) שפּאַניאָלאַ, 4) פריהלינג, 5) קאַטערינקע, 6) א תפילה, 7) בלאַטע יאַטען, 8) שנעלע בעלי מלאכות, 9) הינטער די קוליסען, 10) פרעים סמיט און סיידי קנעפּעל, 11) מעגאַלאָג, 12) ס'גייט ווערען גוט
טעקסטען: מ. בראָדערזאָן, מ. נאַדיר, מ. נאַדעלמאַן. מוזיק: ה. רובין און א. בײַגעלמאַן. דעקאָראַציעס: י. ברוינער. טאַנץ: ה. סראַקאַ. טאַנץ און פּלאַסטיק: ג. קרושינבנא און מ. אַלפּערן. רעזשי: ש. דזשיגאַן און י. שומאַכער. מוזיק־לייטער: הערץ רובין. לאַנפער: דוד קאָזשנאָווער. ליכט־עפעקטען: ירמיאַזאָלימסקי. בינע־אינספּעקטאָר מ. קאַן.
אַנסאַמבל לויט'ן א. ב. פּרויען: זיסעלע גירל, מרים דאָלסקאַ, לאַלאַ זילבערמאַן, שיינע מרים, מאַשע פעטערמאַן. מענער: ה. אַלטמאַן, שמואל גאָלדשטיין, שמעון דזשיגאַן, מאָטל קאַן, יעקב רײַנגלאַס. ישראל שומאַכער יוסף שיפּער.
בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון 5 אָוונט. שבת און יום־טובים א גאַנצען טאָג.

ענדגילטיג אָפּגעשאַפט די צאַרישע בעגרענצונגען

גרויסע דעבאַטע וועגען „פּראָהאָביציע" אין סיים

וואַרשאַ. (טעלעפאָניש) אויף דער פרײַטאָג'דיגער זיצונג פון סיים איז ענדגילטיג אָנגענומען געוואָרען דער פּראָיעקט פון ב.ב. וועגען אָפּשאַפען די צאַרישע בעגרענצונגען פאַר יודען. דער פּראָיעקט איז אָנגענומען געוואָרען מיט די קלענערע נישט־וויכטיגע אויסבעסערונגען פון סענאַט.

פאַר דער אָפּשטימונג האָט דער רעפערענט דעפּ. פּאַראַסקי געהאַלטען א רעדע, אין וועלכער ער האָט ערקלערט, אז די אַרבייט איבער דעם דאָזיגען פּראָיעקט האָט נאָך אָנגעהויבען דער ערשטער געזעצגעבערישער סיים, און מ'האָט וועגען איהם גערעדט אין אַלע פריהערדיגע סיימען. דער איצטיגער סיים האָט פאַרענדיגט דעם דאָזיגען היסטאָרישען אַקט (אויסצײַכענונג פון ב.ב. און יודישען קאָלאָ).

דערנאָך איז בעטראַכט געוואָרען דאָס אַנטי־אַלקאָהאָל־געזעץ.

אין דער דיסקוסיע האָבען זיך פיל רעדנער זעהר שאַרף אַרויסגעזאָגט געגען געזעץ, ווי אַלס אוטאָפּיע, וואָס בעקעמפט נישט דעם אַלקאָהאָליזם אין פּוילען.

אַזוי למשל האָט דער געוו. פּרעמיער פּאָניקאָווסקי אָנגעוויזען, אז אין פּוילען שיכור'ט א גרויסער טייל פון דער יוגענד, און אַפילו זויג־קינדער זויגען אײַן דעם אַלקאָהאָל מיט דער מילך פון די שיכור'ע מוטערס.

ווײַצע־מיניסטער סקאַרזשינסקי האָט, צושלאָגענדיג די טענות פון די געגנער, דערמאָנט אין דיאַמאַנד'ס א רעדע אין ערשטען סיים, וועלכער האָט געפאָדערט, אז אין סיים־בופעט זאָל מען נישט פאַרקויפען קיין אַלקאָהאָל, אָבער די מאַרשאַלקעס טראַמפּטשינסקי, ראַטאַי און ראַשינסקי האָבען נישט געפונען פאַר נויטיג דאָס צו טון.

דאָס אַלקאָהאָל־געזעץ איז געוואָרען אָנגענומען אין דער צווייטער לעזונג, און דאָס געזעץ וועגען א שטייער אויף שפּיל־קאַרטען — אין דער דריטער לעזונג.

צענדליגער צוגען און הונדערטער אויטאָמאָבילען געבליבען שטעקען אין שניי

דער מורא'דיגער שניי־שטורעם דאָנערשטאָג בײַנאַכט

דער הײַ־יעהריגער פאַר־פריהלינג איז אָנגעקומען צו אונז מיט א זעהר אַלטען און קאַלטען פּנים. דער אָנהויב מערץ האָט אונז געבראַכט גרויסע שניי־שטורמען, ווינטען און פראָסט, ווי אין דעצעמבער אָדער יאַנואַר פון א קאַלטען ווינטער. אין די לעצטע טעג פון דער פאַריגער וואָך האָט עס אויסגעזעהן, ווי עס וואָלט זיך באמת אָנגעהויבען צו בײַטען א פרישער ווינטער. מיטוואָך און דאָנערשטאָג איז אין גאַנץ פּוילען געגאַנגען אַן אומאויפהערליכע שניי־זאַווערוכע. אויף פיל באַהן־ליניעס איז געשטערט געוואָרען די קאָמוניקאַציע, אין קודם כל אויף די באַהן־ליניעס פון די דירעקציעס: וואַרשאַ, פּויזען, דאַנציג און ווילנא, ד. ה. כמעט אין גאַנץ פּוילען. די גרעסטע שניי־זאַוויערוכעס זענען אָבער פאָרגעקומען אין פּויזנער און ווילנער קאַנט. אין דאָרט מאַקע האָבען די באַהנען אַמייסטען פערשפּעטיגט.

דער פּאַסאַזשיר־צוג, וואָס איז געגאַנגען פון נאַשיעלסק קיין שערפּין (וואַרשאַווער באַהן־דירעקציע) איז דאָנערשטאָג אַרום 3 בײַנאַכט געבליבען שטעהן אויפ'ן וועג אין א טיפען שניי. מען האָט געמוזט אויפוועקען הונדערטער פּויערים פון די אַרומיגע דערפער, וועלכע האָבען מיט שאַופלען און העק אָפּגערוימט דעם וועג. דער צוג איז דאָרט געווען אָנגעפאָרען ביז 7 אין דער פריה און ערשט דאַן איז איהם געלונגען ווײַטער צו פאָהרען. אַרום 4 פאַרטאָגס איז געבליבען שטעקען אין שניי א צווייטער צוג אויף דער זעלבער ליניע. דעם דאָזיגען צוג האָט מען געמוזט אויסגראָבען מיט א ספּעציעלען שניי־אַקער.

אַרום האַלב 4 בײַנאַכט איז געבליבען שטעקען אין שניי דער פּאַסאַזשיר־צוג, וואָס איז געלאָפען צווישען לאָמזש און שניאַדאָוו. אויף דער דאָזיגער ליניע קורסירט א מאַשין אָפּצאַווינגען.

אַרום 9 אָוונד איז געבליבען שטעהן דער צוג, וואָס איז געלאָפען צווישען לאָמזא און אָסטראָלענקאַ. 11 בײַנאַכט איז געבליבען שטעהן דער צוג צווישען מאַלקין און אָסטראָוו. נאָך ערגער איז געווען אויף די ליניעס פון דער פּויזנער באַהן־דירעקציע. עס איז דאָרט אָנגעפאַלען א שניי פון אנדערטהאַלבען מעטער הויך. עטליכע צוגען אונטער גניעזנא זענען געבליבען שטעקען אין שניי און עס האָט פערנומען א לענגערע צײַט ביז מ'האָט זיי ווידער געקאָנט לאָזען אין גאַנג. אויף דער ליניע זבאָנשין—מיענדזיכאָד איז אויף א שטח פון 800 מעטער אָנגעפאַלען א שניי פון 3 מעטער הייך. די צוגען האָבען זיך פערשפּעטיגט מיט 6 שעה. אין ווילנער קאַנט אַרבײַטען אומאויפהערליך די שניי־אָפּרוימער־מאַשינען. די באַהן־ליניע סימעליק—טראָקושקי איז אָפּגעשטעלט געוואָרען דער גאַנצער באַהן־פערקעהר.

אַן'עהנליכע ערשײַנונג איז אויך געווען אין פיל אַנדערע לענדער פון אייראָפּא. און איבערהויפּט אין די מיטעל־קאַלטערע צפון־לענדער, ווי דענמאַרק, שוועדען און נאָרוועגיען. די לעצטע טעג האָט דאָרט געבושעוועט א שניי־שטורם, וואָס מ'געדענקט שוין נישט גאַנצע 60 יאָהר. פיל שטעט זענען צוליב'ן שניי געוואָרען אָפּגעריסען פון דער וועלט. גרויסע היזקות האָט אויך געהאַט די זריעה אויף די פעלדער.

300 אויטאָמאָבילען זענען געבליבען שטעקען אין וועג און מ'האָט געמוזט צו זיי אַרויסרופען ספּעציעלע מאַשינען אָפּצורוימען דעם שניי.

פונדעסטוועגען דאַרף מען נישט פאַרצווײַפלען. פאַר־פריהלינג איז פאָרט נים אין תקופת טבת און א טאָג פריהער אָדער שפּעטער וועט די פריהלינגס־זון טון דאָס איהריגע און אָנהויבען צו שײַנען מיט איהר מילדען און וואַרעמען שמייכעל אויף דער וועלט.

דער נעכטיגער שבת'דיגער טאָג איז שוין מאַקע געווען פערהעלטנישמעסיג א וואַרעמערער און דער לופט האָט שוין אָנגעהויבען צו שמעקען מיט פריהלינג...

א יודישע סעקטע אין כינע

נויאָרק (יטא) אין דער אגודת־אחים שוהל האָט פּראָף. פּערל מעצעלטין וועלכע האָט לעצטענס צוזאַמען מיט איהר מאַן געמאַכט א רײַזע איבער כינע, רעפערירט וועגען א יודישער סעקטע, מיט וועלכער זי האָט זיך דאָרט בעקענט. די מיטגלידער פון דער סעקטע, וועלכע האַלט בײַם פערשוואונדען ווערען און צעהלט אין איצטיגען מאָמענט נישט מעהר ווי אייניגע הונדערט פּערזאָן, האָבען זיך געצינט אַסימילירט מיט די כינעזער. דאָך היטען זיי אָפּ אייניגע יודישע מנהגים, כשרות־דינים, יום־כפּור און אנד. רעליגיעזע פאַרשריפטען. ווי מען רעכענט, לעבט שוין די דאָזיגע סעקטע אין כינע העכער 15 הונדערט יאָהר.

רעזאָלוציעס פון דער אַראַבישער עקזעקוטיווע

ירושלים (יטא) די אַראַבישע פּרעסע פערעפענטליכט פאָלגענדע רעזאָלוציעס, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרען דורך דער אַראַבישער עקזעקוטיווע אויף איהר לעצטער סעסיע:

צווישען אַראַבער און יודען וועט נים קומען צו דער פערשטענדיגונג, וועלכע די רעגירונג בעמיהט זיך דורכצופיהרען, אַל־זמן עס וועלען נישט רעווידירט ווערען די באַלפור־דעקלאַראַציע און א"י מאַנדאַט און כל־זמן די רעגירונג וועט נישט נעמען אין אַכט די אינטערעסען פון דער אַראַבישער עקזעקוטיווע געגען מאַקדאָנאַלד־בריף. די עקזעקוטיווע זאָגט זיך אַרויס ענטשידען געגען דער לעצטער רעגירונגס־ערקלערונג, וועלכע ערלויבט יודען פרײַע אײַנוואַנדערונג, פרײַע איטיגרירען קיין א"י און צו פאַקטירען די אַראַבער. די עקזעקוטיווע פאָדערט אויף דאָס אַראַבישע פאָלק אין א"י צו געברויכען נאַציאָנאַלע מלבושים און קויפען אויסשליסליך אַראַבישע פּראָדוקטען.

די אַראַבישע עקזעקוטיווע האָט איבערגעגעבען דעם הויך־קאָמיסאַר סער דזשאָן טשענסעלאָר א פּראָטעסט געגען שליסען דעם „פעלעסטינע" פאַר אָפּדרוקען די יפו'ער עליות־רים ידיעה.

א גוט כשר פלעשעל ווײַן
על חג הפסח איז נאָר
מענדיל בארענשטיין'ס

געשטאָרבען יונגער יודישער געלעהרטער

נעאַפּאָל (יטא) דאָ איז געשטאָרבען קוים אין עלטער פון דרײַסיג יאָהר דער שוין בעקאַנטער און פערדינסטפאָלער יודישער געלעהרטער, לייטער פון פיזיאָלאָגישען אינסטיטוט פון נעאַפּאָלער אוניווערזיטעט, פּראָפ. ד"ר ענריקאָ סערעני.

רעדע אין דײַטשען ראַדיאָ וועגען בירא־בידזשאַן

בערלין (יטא) די פראַנקפורטער ראַדיאָ־סטאַציע האָט די טעג געגעבען א לענגערען בעריכט וועגען דער יודישער קאָלאָניזאַציע אין בירא־בידזשאַן, וועגען דער איצטיגער לאַגע פון די איבערוואַנדערער און וועגען די פּערספּעקטיווען אויף דער צוקונפט.

די 6־טאָגיגע שלאַכטען צווישען די „ווײַסע" און „רויטע" אַרום מאָסקווער קרעמל

(זכרונות פון א יודישען אָפיציר)

(ענדע)

ווען מיר זענען געקומען גאָר נאָהענט, האָבען די באָלשעוויסטישע פּאַטרולען אונז אָפּגעשטעלט.

— שטעהן בלײַבען! ווער פאָהרט דאָ?

— אַלע אײַגענע חברים! ענטפערען מיר.

— ווײַזט אײַערע דורכפאָהר־שײַנען!

— וואָסערע דאָקומענטען! צום טײַוועל — דאָרטען האַלטען מיר קוים אויף, דעם אָנדראַנג פון די יונקער'ס און איהר שטעהט צו צו אונז וועגען עפּעס דאָקומענטען! מיר דאַרפען האָבען קוילען, פערהאַלט אונז נישט!..

מיר זענען אַרײַנגעפאָהרען אין הויף פון מאַנאַסטיר און רופען אַרויס דעם פערוואַלטער פון די אַמוניציע־סקלאַדען.

— זײַט אַזוי גוט און העסט אָנלאָדען וואָס שנעלער קוילען, מיר נעהמען אויס מיט די פּוחות געגען די יונקערס!

— יאָ, אָבער וואו איז דאָס שריפטליכע פאָראָרדנונג אויף די קוילען?

— אין מיטען שלאַכט וועלען מיר אײַך געהן זוכען שריפטליכע פאָראָרדנונגען? גיט אונז תיכף אַרויס די קוילען, אַנדערש שטערט איהר אונז די גאַנצע אַרבייט!.. די קוילען זענען מאַקע אונז באַלד אַרויסגעגעבען געוואָרען.

די געבראַכטע קוילען ווערען באַלד פערטיילט אויף אַלע פּאָזיציעס פון די אָפיצירען און די יונקערס. עטוואָס שפּעטער קומט צו לויפען א יונקער פון פּאָסט־בנין און מעלדעט, אז די קוילען זענען גאָר אויבגוס־קוילען מיט מעק־מיגלעך אײַנשמאַט נוקעל־שפּיצען. מ'האָט פונאַנדערגעפּאַקט די קעסטלעך, אַלע כמעט אַליין אויבגוס־קוילען.

וואָס פון שעה ווערט אַלץ ערגער. אונזערע מאַשינען־געוועהרען זענען אַנשטומט געוואָרען, קיין הילף האָבען מיר פון ערגעץ נישט צו דערוואַרטען.

שנעל ווערען צונויפגערופען די אָפיצירען און אַקטיוו־זאָל פון דער יונקער־שול. בײַם פאַרזיצער־טיש שטעהט דער געוו. מיניסטער פּראָקאָפּאָוויטש.

— מײַנע הערען! האָט ער אָנגעהויבען מיט א געבראָכענער שטים. מ'קען מעהר נישט בעהאַלטען דעם אמת. אונזער לאַגע איז א האָפענונגסלאָזע. קיין קוילען און גראַנאַטען האָבען מיר שוין נישט. יעדער מינוט ברענגט אונז א סך קרבנות, אויך געפאַלען אז שטעלען ווײַטער א ווידערשטאַנד, איז אַנ'אומזין. דער שטאָטישער רעטונגס־קאָמיטעט האָט בעהאַנדעלט די לאַגע און האָט נאָר וואָס אונטערגעשריבען מיט די באָלשעוויקעס א קאַפּיטולאַציע־אָפּמאַך. די בעדינגונגען זענען אַזעלכע:

— „אַלע אָפיצירען ווערען בעגנעדיגט און האָבען ווײַטער דאָס רעכט צו טראָגען געוועהר. די יונקערס האָבען דאָס רעכט צו בענוצען זיך בלויז מיט די מיליטערישע שול־מכשירים, אַלעמען ווערט גאַראַנטירט אַבסאָלוטע אומבערירליכקייט, דער אָפּמאַך גיהט אַרײַן אין קראַפט תיכף נאָכ'ן אונטערשרײַבען. דער פאָרשטעהער פון די באָלשעוויקעס ציהט צוריק אַלע בעוואָפענטע קרעפטען פון די ראַיאָנען, דאָס זעלבע דאַרף'ן אויך טון די אָפיצירען פון די יונקערס". ס'איז אײַנגעשטימט א פּײַנליכע שטילקייט.

אין א ווײַלע אַרום האָט זיך אין זאַל צעפּאַקערט א הייסע דיסקוסיע. א טייל פון די אָפיצירען זענען געווען געגען אונטערגעבען זיך. זיי האָבען פאָרגעלעגט דורכברעכען זיך, מיט געוועהר אין דער האַנד צום בריאַנסקען וואָקזאַל און אַוועקגעהן צו די דאָן־קאָזאַקען, דער צווייטער טייל אָפיצירען איז מסכים געווען מיט'ן קאַפּיטולאַציע אָפּמאַך.

איך האָב באַלד פערשטאַנען, אז דער אונטערגעשריבענער אָפּמאַך האָט אַרײַנגעטראָגען א צעשפּאַלטונג אין די רייהען פון די אָפיצירען. ס'איז בעשלאָסען געוואָרען צו געבען יעדען אײנעם א פרײַען אויסוואַהל צו האַנדלען ווי ער וויל.

אין א ווײַלע אַרום, איז די ידיעה וועגען דער קאַפּיטולאַציע צושיקט געוואָרען אויף אַלע קאַמפּס־פּאָזיציעס, די יונקערס און א טייל פון די אָפיצירען האָבען זיך צוריקגעצויגען פון די פּאָסטענס. מ'האָט צונויפגעשטעלט די ביקס־מאַשינען־געוועהר, דער קאַמף געגען די באָלשעוויקעס אין מאָסקווע איז געווען פערענדיגט.

בײַם אָפּגעבען די קרעמל־פּאָסטענגען, איז דערשטאָכען געוואָרען מיט א באַגנעט דער פּאָלקאָווניק פּעקאַרסקי, דער זעלבער, וועלכער האָט מיט 6 טעג צוריק פערנומען די פעסטונג. נעבען בנין פון דער יונקער שול זאַמעלט זיך אַן'עולם נײַגעריגע. דאָס זענען אַלץ קרובים און עלטערן, וועלכע זענען געקומען טרעפען דאָ זײַערע נאָהענטע און אײַגענע.

דער גאַנצער בנין איז אַרומגערינגעלט מיט א באָלשעוויסטישער מיליטער־וואַך. אומעטום רויט־אַרמעער מיט ביקסען און האַנד־גראַנאַטען. מען נעמט אָפּ דאָס געוועהר בײַ די יונקערס און אָפיצירען.

זאַלבעצווייט בעשליסען מיר, זיך נים אונטערצוגעבען. מיר וואַנדערן איבער די צימערן און זוכען עפּעס פאַסיגע בגדים זיך איבערצוטון. מיר קריגען בײַם קאַפּעלאַרמוס 2 פּעלצלעך, צוויי פּאָר גרויסע שטיוועל, זעלנערישע פּאַפּאַכעס און הויזען. שנעל טוען מיר זיך איבער און לאָזען אַרויס די טשופּרינעס פון אונטער די היטלען.

אַט שטעהען מיר שוין בײַ די אַרויסגאַנגס־טירען. עס שטעהען רויט־אַרמעער און לאָזען קיינעם נישט דורך.

איך גיב א ציה דאָס העמטעל פון דער טיר.

— שטעהן בלײַבען! ווער זײַט איהר.

— רוהט זיך אָן אײַגענע, — רופט זיך אָפּ דער צווייטער. — די זעלנער זענען א קורצע ווײַלע אין ספק, ענדליך לאָזען זיי אונז דורך.

א מינוט שפּעטער שפּרײַזען מיר שוין אויף די מאָסקווער גאַסען. אונזער פאַנטאַזיע טראָגט אונז אויף די פליגלען צו דער „ווײַסער" אַרמעע בײַם דאָן...

דער דערמאָנטער יודישער אָפיציר און נאָך א הויפּט־בוכעל יודישע אָפיצירען, וועלכע זענען אַרײַן אַלס אַקטיווע אָפיצירען אין דער „ווײַסער" אַרמעע פון דעניקינען אויפ'ן דאָן, זענען אָבער אין א קורצע צײַט אַרום בײַטלעבווײַז בעזײַטיגט געוואָרען פון זייערע אַמטען. אין דער ווײַטער „פרײַוויליגער"־אַרמעע האָט געהערשט א מורא'דיגער אַנטיסעמיטיזם. די גאַנצע „ווײַסע" אַרמעע איז ביסלעכווײַז פערוואַנדעלט געוואָרען אין א באַנדע פּאָגראָמשיקעס.

ווען אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָט אויסגעבראָכען דער פּאָגראָם, האָט א דעלעגאַציע פון רײַכע יודען בעזוכט דעם גענעראַל שקוראָ און פאָרגעלעגט צו געבען גרויסע מתנות פאַר דער ווײַסער אַרמעע.

גענעראַל שקוראָ האָט זיך אויסגעלאַכט פון פאָרשלאַג און האָט געזאָגט: „מײַנע קאָזאַקען האָבען בעסער ליב אַליין צו נעמען אײדער בעקומען געשאָנקענע!"

די „ווײַסע" אַרמעע האָט דורך די פּאָגראָמען און מאַסען־מאָרדען איבער דער הילפלאָזער יודישער בעפעלקערונג אין אוקראַינע און קרים, געוואָלט נקמה נעמען פאַר די פּסח'דיגע מפּלות, וואָס זי האָט געהאַט אויף די פראָנטען געגען די „רויטע".

—:0:—

די יודען אין פוילען מוזען פראטעסטירען

פון דעפ. ד"ר ה. ראזמארין

ווער עס וויל זיין אויפריכטיג, מוז זאגען, אז די פוילישע געזעלשאפט האט זיך ביז איצט מיט'ן פראבלעם פון ענדערן די קאנסטיטוציע זעהר ווייניג אפגעגעבען. די קאמפע, וואס מען האט געפיהרט אויפ'ן געביט פון דער אינערליכער פאליטיק, האבען זיך בעצויגען אויף אנדערע פראגען גיכער, ווי אויף דער פראגע פון ענדערן די קאנסטיטוציע.

דער אלין וואקסענדיגער קריזיס, דער ווירטשאפטליכער שטילשטאנד, האט אזוי שטארק געטראפען די ברייטע פאלקס-מאסען, אז מען קאן גאנץ רוהיג זאגען, אז די פראגע פון ענדערן די קאנסטיטוציע האט קיינעם נישט אינטערעסירט.

נאך מעהר: מען קאן פעסטשטעלען, אז די פרעסע האט זייט דעם צונויפקומען זיך פון נייעם סיים פאר אט דער פראגע כמעט גאר קיין פלאץ נישט געלאזט.

דאס האט צווישען אנדערע סיבות גורם געווען אויך דער פאקט, וואס עס איז, ווי בעקאנט, ביז איצט אין אט דער פראגע נאך נישט ארויסגעזאגט זיין לעצט ווארט דער מארשאל פילסודסקי. מען האט זיך אויסגעלערנט אין פוילען — און מיט רעכט — תמיד, ווען עס האנדעלט זיך וועגען א ווירקליכען שריט פון דער רעגירונגס-פארטיי, צו קוקען כמעט אויסשליסליך אויף דעם, וואס עס זאגט דער פאקטישער הערשער, מארשאל פילסודסקי.

נישט קוקענדיג דערויף, האט דער קלוב ב.ב. ארייננגעטראגען אין סיים זיין פראיעקט וועגען ענדערן די קאנסטיטוציע. ער האט זיך אבער נישט גענומען די מיה אויסצוארבייטען א נייעם פראיעקט, נור ער האט געווארפען אויפ'ן טיש אן אלטען פראיעקט, וועגען וועלכען דער ב.ב.-קלוב אליין איז געווען איבערצייגט, אז ער האט נישט געפונען קיין הסכמה נישט ביים פאלק און נישט ביי דער געזעלשאפט.

עס וועלען דא קיין שעהנע ווערטער נישט העלפען. עס איז גאר קיין ספק נישט, אז די סיבה, דער מאטיוו פון ארייננטראגען דעם פראיעקט צו ענדערן די קאנסטיטוציע און סיים איז געווען נישט ווירקליך צו ענדערן די קאנסטיטוציע, נאר די כונה צו ווייזען, אז מען האלט דעם צוזאג, וואס מען האט אזוי פייערליך געגעבען, אז דער ציל פון דער רעגירונגס-פארטיי איז קודם כל צו ענדערן די קאנסטיטוציע.

ווער עס האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו די אויספיהרונגען פון די רעדנער פון דער רעגירונגס-פארטיי, האט געמוזט האבען דעם איינדרוק, אז דאס ווארימע פערזיכערן וועגען ווילען צו ארבייטען בשותפות מיט אלע, וואס קאנען עפעס טון ממשות'דיגס אין ענדערן די קאנסטיטוציע אין די בעווארעניש, אז זיי אליין קענען נאך נישט די אבזיכטען און מחשבות פון מארשאל פילסודסקי אין דער זאך — אז דער שריט פון ב.ב.-קלוב אין דער ראזינער זאך איז געמאכט געווארען נור צו דעם צוועק, אז מען זאל זעהן דאס עפעס געשעהט, אבער נישט כדי צו מאכען א ווירקליכען און ערנסטען שריט.

די נאציאנאלע מינדערהייטען האבען אין קאמף, וואס האט זיך אנגעהויבען אויבער דעם פראיעקט, גענומען א קליינעם אנטייל. פון זייערע רעדנער זענען זייער בעדויערן אויבער דעם, וואס זיי האבען א קיינעם פראטעסטירונג אין דער פראגע פון דער קאנסטיטוציע, ווייל אויב עס האנדעלט זיך וועגען זיי, עקזיסטירט די קאנסטיטוציע נאך אויפ'ן פאפיר און ווערט אין איהרע וויכטיגסטע פונקטען נאך נישט אויסגעפיהרט.

די יודען האבען אין זייער דעקלאראציע מיט כח און מיט דער גאנצער ענערגיע פונקט און האבען דערביי מיט דעם גאנצען כח און מיט דער גאנצער ענערגיע פראטעסטירט געגען אזעלכע כונות פון ענדערן די קאנסטיטוציע, וואס ווילען מאכען פון'ם פארלאמענט נישט מעהר, ווי א קאמער פאר ארויסזאגען מיינונגען.

די יודען זענען דעריבער א וויכטיגען שטאנדפונקט, אז דער פארלאמענט — צו ער האט א ערפילט ביז איצט זיין פליכט לגבי דער יודישער בעפעלקערונג, צו נישט — מוז זיין א טריבונע, פון וועלכער עס זאל געהערט ווערען די שטים יעדען איינציגען, וואס געשעהט דעם יודישען פאלק און — וועגען פערטרעטונגען זייערע בעגרינדעטע אומצופרידענקייט.

אויך ווילען זיך נישט שפילען און נביאות אין בעהויפטען, אז דער פראיעקט צו ענדערן די קאנסטיטוציע געפינט זיך אויפ'ן טויטען פונקט, אבער עס מאכט דאך אזא איינדרוק אויף יעדען אביעקטיווען מענשען.

פון דער אנדערער זייט וויל איך אבער אויך נישט, אז די וואכזאמקייט פון דער יודישער עפענטליכער מיינונג זאל איינשלאפען. ווען פון געוויסע זייטען ווערען געמאכט אנשטרענגונגען, כדי נישט צו צולאזען קיין פערטרעטער פון יודישען פאלק, דאס הייסט א רעפובליק, וועלכער וועט דעלעגירט ווערען פון'ם יודישען "קאלא", — דארף און מוז די גאנצע יודישע עפענטליכע מיינונג דערויף געבען א געהעריגע תשובה.

נישט קוקענדיג אויף דעם כח, וואס עס שטעלט מיט זיך פאר די רעגירונגס-פארטיי און אויך נישט קוקענדיג אויף דער שטארקער מעהרהייט, וואס זי האט אין סיים און אין סענאט — מוז די שטים פון דער יודישער בעפעלקערונג, וואס מאכט אויס 11 פראצענט פון דער גאנצער בעפעלקערונג און דער מלוכה, אין דער קאנסטיטוציע-קאמיסיע געהערט ווערען, ווייל די ארבייט פון אט דער קאמיסיע זאל אויף זיך נישט צייגען אלע סימנים פון אנ'אנטיסעמיטישער ארבייט.

די מאנעווערס צו בערויבען פאר יודישע פערטרעטער פערשיידענע, פאר וועלכע יעדער וואונק פונ'ם פריץ איז א קאמע נדרישער בעפעהל — אט די מאנעווערס וועלען זיך נישט איינגעבען.

דאס מוזען די הייגטיגע הערשער פון פוילען וויסען!

יין כשר לפסח
גוט און געשמאק איז נור אין געשעפט
"צענטראווין"
פיעטריקאווער 39

סענסאציאנעלער פראצעס פון 110 יוד. פרויען-הענדלער

ניי'ער טומעל ארום פעראיין "צבי מגדל". — פארוואס זענען די אנגעקלאגטע בעפרייט געווארען? — דער קאמף געגען די "רופיאנעס" מצד דער יודישער געזעלשאפט.

(א בריף פון בוענאס-איירעס) -:- פון א. ארגענטינער.

אין דער רוסישער פרעסע האט אויך געוויזען אין דער צייט פון פראצעס די הויפט יודישע געזעלשאפט. די יודישע געזעלשאפט פון בוענאס-איירעס האט אין דעם פאל געהאנדעלט אין נאמען פון די יודען פון דער גאנצער וועלט. עס איז א גרויסער חלול השם פאר די יודען פון דער גאנצער וועלט, אז א הויז, וואס איז פארמעל בעשטימט אלס א יודיש גאסט-הויז, א יודישע שוהל, זאל זיין דער צענטער פון פערברעכער, פון דעם מאוס'טען און שענדליכסטען פערברעכען פון אונזער צייט. די יודישע געזעלשאפט פון ארגענטינא האט און איהרע אייגענע אינטערעסען און אויך אין די אינטערעסען פון די יודען אין דער גאנצער וועלט געשטרעבט צו פערניכטען דאס ראזינגע שאנד-הויז, וועלכען די פערברעכער האבען פערשטעלט פאר א יודישען רעליגיעזען מקום קדוש.

אין דער שטרעבונג צו פער'משפט'ען און פערניכטען די געזעלשאפט פון די "רופיאנעס" האט דער אונטערזוכונגס-ריכטער אין זיין אנקלאגע-מאטעריאל אונטערגעשטראכען נישט די פערברעכענס פון די איינצעלנע רופיאנעס, נאר דעם מאסען-פערברעכען פון זייער פעראיין, דאס הייסט פון אלע מיטגלידער פון "צבי מגדל". דער אונטערזוכונגס-ריכטער האט אלזא געשטיצט זיין אנקלאגע נאר אויף איין פונקט, אויף אונערלויבטער פעראייניגונג פאר אונגעזעצליכע מעשים. אלע 400 מיטגלידער דארפען זיך ארגאניזירט אין פעראיין פאר דעם פערברעכערישען צוועק פון פרויען-האנדעל. און אט דעם פונקט — זאגט דאס געריכט און זיין אורטייל — האט די אנקלאגע נישט בעוויזען.

עס איז נישט בעוויזען געווארען, אז אלע זענען צוליב אונגעזעצליכע צוועקען געווארען מיטגלידער פון פראוען — מענט'ם דער ריכטער פון אפעלאציע-געריכט.

דער "מגדל" — זאגען די ריכטער פון דער אפעלאציע-קאמער — האט 400 מיטגלידער, וועלכע שטעהען אלע אונטער א שווערער אנקלאגע פון פרויען-האנדעל. מעהר ווי האנדערט פון זיי זענען ארעסטירט אונטער די שווערסטע אנקלאגעס. פארוואס זשע האט זיך נישט געמעלדעט אפילו איינער פון די פלוטי"ר-שטע קרבנות מיט בעשולדיגונגען געגען די אנגעקלאגטע?

אזוי זענען די מעהרסטע פונקטען פון דער אנקלאגע אויסגענוצט געווארען אין א פערקעהרטען זין — פאר דער פערטיידיגונג פון די אנגעקלאגטע און פון זייער פעראיין.

האט אבער דער אורטייל פון אפעלאציע-געריכט ארויסגערופען אומעטום ער שטוינונג און א שטארקע אונצופרידענהייט. די פערשפרייטעסטע אווענד-צייטונג פון בוענאס-איירעס, די "קריטיקא" פאדערט, מען זאל די בעפרייטע "מגדל"-לייט אינצט ארויסשיקען פון לאנד.

אבער אזוי, צו אזוי, פאר די ארגענטינער יודען איז דער "מגדל" א זעהר אומאנגענעהמער ענין. "מגדל" איז דא געווארען א גאסען-ווארט פאר מיאוס'ע אונרייניגע געשעפטען, פאר פראסטיטוציע, פרויען-האנדעל און אלע מינים פערברעכענס פון דער אונטער-וועלט. די "רעאליסטישע" קינא-טעאטערס ברענגען פערשיידענע געשלעכטליך-רייצענדע פילמען אונטער דעם נאמען "מגדל".

דאס ווארט "מגדל" איז שוין אויך אריבער אין די אנדערע דרום-אמעריקאנער רעפובליקען. אומעטום, וואו עס ווערען ענטדעקט פערברעכענס פון דער אונטערוועלט, קומט די נייעס אונטער'ן קאפיטעל "מגדל".

דר "מגדל" איז א הארבער פראבלעם פאר די ארגענטינער יודען און ער ווערט מיט יעדען טאג הארבער. 400 מיטגלידער פון א גרופע, וועלכע לעבט פון א פערפערברעכערישער פרנסה, איז נישט קיין קלייניגקייט. 400 מיטגלידער — דאס זענען איינגעגנטליך 400 פאמיליעס. די צאהל וואקסט. זיי האבען התונה, פערמעהרען זיך, זייערע קינדער וואקסען אויף און ערציהען זיך אויסער דער יודישער געמיינדע. און זיי זאגען דאך יודען און האלטען זיך פאר יודען. זיי בילדען א בעזונדערע קהלה, יודען מיט א שוהל, מיט א בית-עולם, מיט כלי קודש אפילו.

און אט די קהלה איז פון דער רעגירונג אנערקענט פאר א "יודישע".

דאס איז דער רעזולטאט פון דער שווערער באיקאט-טאקטיק, וועלכע די ארגענטינער יודען מוזען אנווענדען געגען די פרויען-הענדלער. אויך אין אנדערע יודישע קהלות זענען פאראן פרויען-הענדלער און אנדערע פראפעסיאנעלע פערברעכער. צום בייספיל, גנבים, און מען שליסט זיי נישט אויס פון דער יודישער געמיינדע.

אין ארגענטינא אבער האט מען אזוי נישט געקאנט האנדלען. מען האט זיך פון די "רופיאנעס" געמוזט שטרענג אפזאגען. מען האט זיי געמוזט ארויסשטויסען פון דער יודישער געזעלשאפט. 400 מיטגלידער איז א מחנה. 400 מיטגלידער, וועלכע האבען א סך געלד, ביי וועמען געלד שפילט קיין ראלע נישט, אבי זיך צו קאנען אוועקזעצען אויבען-אן פון דער געזעלשאפט — ווייסט איהר, וואס דאס בעדייט?

אין ארגענטינא האט מען נישט געקאנט דולדען דעם אפפאל פון דער יודישער געזעלשאפט, ווי אין אנדערע יודישע קהלות. מען האט זיי געמוזט אויסשליסען, באיקאטירען. קיין אנדער וועג איז נישט געווען. אבער דער באיקאט איז א מעסער מיט צוויי שארפען. דער באיקאט פיהרט און רעזולטאט צום "מגדל".

מען קאן נישט האפען, אז די רעגירונג זאל א גרעסערען טייל פון זיי ארויסשיקען פון לאנד. די נאטוראליזירטע ארגענטינער בירגער קאן מען זיכער נישט ארויסשיקען. אויך די ענטלאפענע וועלען וואהרשיינליך איינצט צוריקקומען. און אזוי בלייבט דער "מגדל" ווייטער א'אנגעוועהטאגט פראבלעם ביי די ארגענטינער יודען. דאס איז א ראק, וואס מען האט אפגעשניטען פון אונזער פאלקס-קערפער. אבער ער וואקסט און ענטוויקעלט זיך אלס א בעזונדער קערפער. און פאר זיין שענדליכער עקזיסטענץ מאכט מען פעראנטווארטליך אלע ארגענטינער יודען. און ס'איז נישטא קיין לעזונג צו דער ראזינער הארבער פראגע.

שוואנגערנדע פרויען און יונגע מיטערס העלפט דאס נאטירליכע Franciszka Józefa ביטער-וואסער צו א גערעגעלטער מאגען און גדערם טעטיגקייט. 1272

אלע ווייסע
צו גוטע, כשר'ע און ביליגע
ווייין
כשר לפסח
קריגט מען נור אין בעריהמטען
וויין-געשעפט פון
ר' מענדיל בארנשטיין
"בארווין" לאדז
נאוואמיעסקא 30, טעל. 210-58

אנטיסעמיטישער אינטערנאציאנאל

בערלין (יטא) דער ארגאן פון די נאציאנאל-סאציאליסטען "דער אנגריף" דערצעהלט און א קארעספאנדענץ פון בוקארעשט, אז "דער יודישער טעראר אין רומעניען הערשט א, און די גאנצע יודען-פרעסע אויף דער וועלט פרעהט זיך מיט די דערגרייכטע רעזולטאטען. אונטער'ן דרוקט פון דער אינטערנאציאנאלער יודישער פינאנץ הלט רומעניען אונטער'ן שלאס די פיהרער פון די אנטיסעמיטען, וועלכע שטרעבען צו בעפרייען רומעניען פון יודישען יאך".

דער "אנגריף"-קארעספאנדענט צומירט דערביי אנ'ארטיקעל פון דער "אינטערנאציאנאלער איבערזיכט פון די געהיימע געזעלשאפטען" (דאס זאל זיין דער ארגאן פון אינטערנאציאנאלען אנטיסעמיטיזם, ערשיינט אין פאריז), און וועלכער עס ווערט דערצעהלט, אז די רומענישע רעגירונג פיהרט דורך א פערפאלגונגס-פעלדצוג געגען אלע געגנער פון יודען. קעניג קאראל ווערט דערביי בעצייכענט אלס "קנעכט פון יודען".

צו דער בוקארעשטער קארעספאנדענץ בעמערקט דער "אנגריף", אז די "פאליטישע מאכט פון די יודען וועט מען קענען ברעכען ערשט דעמאלט, ווען איבער איירעפע וועט שטעהן דער שאטען פון אדאלף היטלער".

—o§o—

מערקווירדיג שטוינענדע אוואנטורעס פון א ראפינירטער שפיאנקע

2. די נאקעט-טענצערין ליאנא בעגעגענט זיך אין פאריז מיט א געהיימניספולען דייטשען אריסטאקראט

II.

יעדען בינאכט, ווי נאר ליאנא פלעגט קומען אהיים נאך איהרע פארשטעלונגען האבען בעדע, זשארוש און ליאנא אינטים פערבראכט און אמעליע. זשארוש'ס ליבע צו ליאנא'ן האט זיך אלין מעהר צופיאקערט, ער האט איהר אפט גע-בראכט מתנות. פלעגט איהר בעגלייטען אין אפפיהרען אהיים פון פוירעל'ס קאניק. האט כמעט ווי אויפגעדערט צו איינטימען ארום זיינע בולוואר. ער איז אינטאנצען געווען פערטיג אין זיין דריי-שמשע נאכט צו דער שלאנקער, שיינער נאקעט-טענצערין ליאנא.

א קורצע צייט שפעטער, איז די נאקעט-טענצערין ליאנא אינטים געווארען א'ח א בער וואכען צייט און בארבא'עט "באל ביופאן". זשארוש פלעגט, ווי געוויינליך זי בעגלייטען צוריק און נאכ'ער קומען איהר צופנעמען. איינמאל א'אווענד ווען זשארוש איז, ווי געוויינליך צוגעגאנגען צום טיר פון קאבארעט אפצוווארטען זיין געליבטער ליאנא, איז אהם אויסגעקומען צו וואַרטען א סך לענגער ווי אלעמאל, ער איז צו צום שווייצער און געפרעגט צו די פאר-שטעלונג און קאבארעט האט זיך שוין פערענדיגט. ווען דער שווייצער האט גע-ענטפערט, אז יא, איז זשארוש אריין אין קאפע און אנגעהויבען ארומזוכען ליאנא'ן צווישען די געסט ביי די טישלעך. אין זאל איז געווען געדיכטעלער. איבעראל די האבען זיך געטראגען צעהן לינגער מאנצענדיגע פארלעך.

זשארוש האט זיך קוים דורכגעשטופט צווישען דעם גרויסען עולם. נאך א לענגערער ארומזוכעניש, האט ער ענדליך דערזעהן ליאנא'ן און א ווינקעל פון זאל. זי איז געזעסען ביי א קליין טישעל, אפגעקערט מיט דער פלייצע און ער האט דערזעהן בלויז איהר נאקען. ביים צווייטען פרעג טישעל, איז געזעסען אנ'אומבעקאנטער הער.

צו זשארוש'ס אויערען זענען דערפלויגען בלויז אפגעריסענע פראזען און ווערטער, דער געשפרעך האט זיך געפיהרט אין דער שפראך. די אויסערליכקייט און דאס גאנצע האלטונג פון דעם אומבעקאנטען הער האט זשארוש'ן שטארק פעראינטערעסירט. וואס מעהר ער האט זיך צוגעהערט צום געשפרעך אלין קלארער איז פאר איהם געווארען, אז דער אומבעקאנטער, איז נישט פון די שטענדיגע געסט און "באל ביופאן", דאס איז געווען וואהרשיינליך, א צוגערייזטער גאסט וועמען ס'האט זיך רעגלעריסט כאפען א קוק אין די שענקלעך פון מאנ-מארטער, עס איז קענטיג געווען, אז קיין פראנצויז איז ער געווען נישט.

דער אומבעקאנטער האט זיך גע-שטעלט, פארוועצענדיג זיין געשפרעך מיט ליאנא'ן. איצט האט זשארוש איהם בעטראכט פון דער נאהענט. די וואנטען ביים אומבעקאנטען זענען געווען מיליטעריש פערדרעהט אונטערגעשוירען און צוגעקעמט: "אלא ווילהעלם". זיכער, אז דאס איז א דייטש. זיינע אנדערע און אריסטאקראטישע מאניערען האבען זשארוש'ן כמעט ווי געשראקען, דער דאזיגער אומבעקאנטער האט אויסגעפאנגענד זיך אויסגעטיילט פון דעם גאנצען געזע-מעל אין זאל. עס האט געשיינט, אז נישט בלויז ער רעדט, נאר ער גיט אפ בעפעהלען, אזוי שטאלץ און הערשעריש איז געווען זיין ארט רעדען. זשארוש האט נאך גאר געהערט זיך צוגערוקט צום טישעל און בערוהרט ליאנא'ס אקסעל, דער אומבעקאנטער האט דאס געשפרעך נישט איבערגעריסען. ער האט ארויס-גערערט.

— הייסט עס, אז איהר זייט נישט קיין אמת'ע פראנצויזין?

— ניין — האט ליאנא געענטפערט.

דער אומבעקאנטער האט זיך אנגע-שפארט אן ראנד פון טישעל און א שעפ-טישע געטאן ליאנא'ן און דער שטול. זשארוש איז געווארען אומגערוהיג און געפרעגט ליאנא'ן:

— זייט איהר שוין גרייט צו געהן אהיים?

— יא, אבער נאך איין מינוטעלע, איך ענדיג דעם קאניאק. דערלויבט צו בע-קענען אייך, מיינע הערן, האט זי גוד א'ויסגערעדט פארשטעלענדיג זשארוש'ן דעם אומבעקאנטען.

— ה' זשארוש ליעמוזיער און ה' פאן קליינהארד.

דער דייטש האט פריינדליך א שמייכעל געטאן צו ליאנא'ן. עס האט געמאכט דעם איינדרוק, אז ער איז איהר דאנק-באר וואס זי האט איהם געהאלפען ארויסבלאנקען זיך פון דער אומאנגע-נעהמער לאגע.

ה' פאן קליינהארד האט זיך העפליך פערנייגט און פארגעלעגט זשארוש'ן אויסטרינקען צוזאמען קאניאק. זשארוש האט זיך געזעצט. ער האט דאך קוים אויפגעגעזוכט זיין געליבטער וויל ער טא-קע אפבלייבען אין איהר געזעלשאפט. דער דייטש האט דערלאנגט א טרינקען קאניאק. אלע דריי האבען געטרונקען און זשארוש האט געפיהלט, אז דער פרעמדער דייטש געשפרעך וועט איצט זאלבעדריט שוין מעהר נישט פארטגעזעצט ווערען.

ליאנא פערשווינדט צוזאמען מיט'ן געהיימניספולען דייטש.

ווי אזוי קומט זי צום דאזיגען אונ-בעקאנטען הערן? האבען זיי שוין פרי-ער ערגעץ זיך בעגעגענט? צי איז דאס נאר געווען די ערשטע בעקאנטשאפט. די דאזיגע געדאנקען האבען זשארוש'ן געמאטערט ביז גאר.

ענדליך האט זשארוש איבערגעריסען דאס שטול-שווייגען.

— איך האב אומגערן צוגעהערט אייער געשפרעך — איהר האט גערעדט וועגען עפעס טומלעוודישען און אבראפע? האט זשארוש געשטעלט א פראגע דעם אומבעקאנטען.

פאן קליינהארד האט איהם רוהיג בע-טראכט.

— יא, איך האב עס טאקע געזאגט. אויף א קריג קען מען אין יעטווערער צייט זיך ריכטען.

— איהר זייט א פראנצויז? האט פאן קליינהארד פון זיין זייט געשטעלט א פראגע זשארוש'ן.

— ניין, איך בין אנ'ענגלענדער, גע-בוירען אין אירלאנד.

— אויב אזוי וועלען מיר אונזער גע-שפרעך פיהרען אין ענגליש, ווייבאלד מיר שמועסען וועגען מלחמה-טעמעס.

ליאנא האט דערווייל זיך אויפגעהויבען פון ארט, זשארוש האט איך געטון דאס זעלבע.

— שוין זעהר שפעט, שוין צייט צו געהן אהיים, האט ליאנא מיט א שמייכעל זיך געווענדעט צום אומבעקאנטען. דערלאנגענדיג איהם די האנד, פאן קליינהארד האט זיך העפליך פערנייגט.

— איך טרעף דא אויף נאך 4 מאל.

— האט ליאנא דערמאנט דעם אומבע-קאנטען ביים אוועקגעהן.

— פאר מיר איז דאס א גרויסער כבוד.

ער האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ און מעהר קיין ווארט נישט צוגעגעבען. זשארוש הט גענומען ליאנא'ן אונטער'ן ארעם און זי דורכגעפיהרט דעם זאל. געהענדיג אהיים איז זשארוש'ן אויף א רגע פון געדאנקען נישט ארויס דער אומבעקאנטער געהיימניספולער דייטש.

א, ער שיינט צו זיין אנ'אמת'ער ארים טאקראט! דערצו נאך געוויס רייך, עפעס איז ער גאר נישט ענליך אויף די איבעריגע בעזוכער פון קאפע, האט זשארוש געטראכט.

— זאג מיר ליאנא, איך בעט דיך, ווער איז ער, דער דייטש?

— איך ווייס נישט.

— אבער ער האט דאך מיט דיר אזוי אינטים פערבראכט דעם אווענט, וועגען וואס האט איהר גערעדט?

— נארעלע, האסט דוכט זיך אליין געהערט, ער איז זעהר אנ'אנשטענדי-גער הער.

— און דאס איז אלץ.

— יא, ער האט מיר אנגעוויזען, אז ס'איז א סכנה צו רייזען וועגען אלץ אין א געזעלשאפט, מחמת עס זענען אומע-טום פאראן שפיאנען.

— וואס פאר א שפיאנען?

נו יא, יעדער רעגירונג האט זיך איה-רע שפיאנען.

— און וואס האט ער דיר און דער שטול אנגערוימט אויפ'ן אויער האט זשארוש פערזוכמיג א פרעג-געטון.

— קענטיג, אז דו האסט א הויפטע צייט אבטונג געגעבען אויף אונז?

— ניין טעערינקע, בלויז א מינוט ווען איך האב זיך דורכגעשפארט צווישען די געסט. אנבריגענס, בין נאך גאר נישט נייגעריג צו וויסען וועגען דעם, וואס די אליין דערצעהלסט מיר נישט, האט זשאַרוש מיט א צערטליך שמייכל זיך אפ-געריסען.

זי האט פעסט א נעם געטאן זיין ארעם און ארייננקוקענדיג איהם אין די אויגען געזאגט:

— דו ביזט א ליבליבער, זשארוש, איך וועל דיר אלץ דערצעהלען.

— ער האט מיר געזאגט, אז ער האט בעמערקט, ווי איך האב צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ, ווען ער האט מיך געפרעגט, צו האב איך טאקע באמת נישט אנדער ליבע צו די פראנצויזען, דאס אייגענט-ליך, אז געוויסען דער גאנצער סוד. — גו, איצט ביזטו צופרידען.

זשארוש האט מיט ליבע איהר אומגע-ארעמט און ביידע זענען ארויף אהיים.

אויף מארגען האט ליאנא, פאר'ן געהן אין קאבארעט געמוטען בעטען זשארוש'ן.

— מעגער מיינער, דיר איז זיכער נישט בעקוועם דאס אפווארטען מיך, טא קום נישט מעהר אהין. האסט דאך אליין געזאגט, אז דו פערטראגסט נישט מיינע אויפטריטען אין "באל בופאן" — מיר איז אוננאנגענעמע פערבליבען בלויז א אהיימגעהן, טו דאס מיר צוליב, און ווארט מיר בעסער אפ אין דער היים, איך וועל קומען צו דער בעשטימטער צייט. די האסט דאך געהערט וואס דער דייטש האט געזאגט: מעגליך, אז ער וועט יא קומען, מעגליך, אז נישט.

זשארוש האט איינגעזעהן זיין פעלער, אז ער מוז איהר נאכגעבען. אויב ער וויל נישט, איהר גאנצען פערלירען. ער האט זיך אבער נישט איינגעהאלטען. ער איז אוועק אהין בשתיקה און איהר אפגעווארט. זי איז פון ארוים און בע-גלייטונג פון דעם דייטש פאן קליינהארד. דאס האט איהם שטארק איינגעקאכט. ער האט זיך שטארק איינגעהאלטען נישט צו פערפיהרען קיין קריג מיט דעם דייטש.

(דאס ווייטערע קומט)

לאדז 15 מערץ 1931
זונטאג, כ"ו אדר תרצ"א
פ' ויקרא
זון אויפג. גג. 5.57
זון אונטערג. זגנ: 5.31

טאג-כראניק

פלענאר-זיצונג פון האנדעלס-קאמער

מיטוואך ווערט פארקומען א פלענאר-זיצונג פון דער לאדזער האנדעלס-קאמער. אויף דער טאג-ארדנונג געפינען זיך א רייה פונקטען, דערונטער די פראגע וועגען די פאבריקס-„קאנסומען“, די בעשטימונג פון אנ'אפצאהל לטובת דער „קאמער“ פאר פערשידענע בעשטעטיגונגען א.א.וו.

פון לאדזער האנדעלס-געריכט

—:0:—

באנקראטען, רעגולאציעס, גליים-שיין

(5) אפרים לוזער קענינ, אייזען-פער-קויף אויף זשעראמסקי-גאס 32, איז ער-קלערט געווארען אלס באנקראט. קעניג איז שולדיג געבליבען דער פירמע „גא-הוללא“ 10.000 זל. די סומע האט ער זיך מתחייב געווען צו בעצאהלען אין משך פון 2 יאהר, גאראנטירט מיט א היפאטעק-קוויטל. אזא אקט איז צוגויפגע-שטעלט געווארען ביים רעיענט, אבער דער אקט און היפאטעק נישט ארײנ-געטראגען געווארען.

אלס ריכטער-קאמיסאר איז נאמינירט געווארען לודוויק קאראל, אלס קוראטאר אדוו. הענריק קרוקאווסקי. קעניג'ן איז בעשלאסען געווארען אײנצושפערען אין ארעסט.

• • •

אונטער אנ'אופאדלאשטש איז אויך גע-שטעלט געווארען קאזשימיעזש קאשינ-סקי, פערקויף פון פאשע אויף זגערזשער 87. קאשינסקי איז שולדיג אויגעגע קרע-דיטאהרען 1765 זל.

ריכטער-קאמיסאר איז סטאניסלאוו האמבורג, קוראטאר ברוזדא.

קאשינסקי איז געשטעלט געווארען אונטער פאליציייאישער אויפזיכט.

• • •

„גוסטאוו ערנעסט רעמעל“, מאנו-פאקטור-פירמע אויף פעטריקאווער 84, וועלכע האט אין זיין צייט גענאמען פון א „נאדזאר“, האט בעקומען אנ'ערלויב-ניש פון געריכט צו רעגולירען איהרע פערפליכטונגען אויף 50 פראצענט. 92 פראצענט פון אלע קרעדיטארען האבען געשטימט פאר די פארגעשלאגענע בע-דינגונגען, צוליב וואס דאס געריכט האט דעם רעגולאציע-אפמאך בעשטעטיגט.

• • •

מיט עטליכע טעג צוריק האבען מיר מיטגעטיילט וועגען אופאדלאשטש, וואס איז ערקלערט געווארען פאר פנחס כזשא-נאווסקי, בעזיצער פון דער פירמע טעקס-טורא" (פאמארסקא 49). די ביטעס וועגען ארויסגעבען א גליים-בריף זענען אייניגע מאל אפגעווארפען געווארען. ערשט נעכטען, נאכדעם ווי ס'איז פאר'ן האנדעלס-געריכט בעוויזען געווארען, אז דאס גאנצע פערמעגען פון באנקראטיר-טען געפינט זיך אין די הענד פון קו-ראטאר און אז דער איינציגער קרעדי-טאר, די „גאליצישע פאפיר-פאבריק“ האט בעקומען פון כזשאנאווסקי'ס פרוי א היפאטעק-קוויטל אויף איהר הויז און פאזען — איז כזשאנאווסקי'ן ארויסגע-געבען געווארען א גליים-בריף. ער ווערט בעפרייט אויף 2 חדשים און מוז איין מאל אין וואך ראפ ער זיך מעלדען צו דער פאליציי.

• • •

(5) אין מאי פ. י. איז בעשטימט געווארען א „נאדזאר“ דער פאבריקס-פירמע „ישראל שענציקי“ (6. שערפיען 7). דער בילאנס האט זיך דאן געשלאסען מיט 521,622 זל. מיט אנ'איבערגעוויכט פון די אקטיווען איבער די פאסיווען אויף 220,062 זל. שענציקי האט פאר-געשלאגען צו רעגולירען אויף 50 פראצ. צו בעצאהלען אין 2 יאהר. דאס געריכט האט נעכטען די רעגולאציע בעשטעטיגט

• • •

אונטער אנ'אופאדלאשטש איז גע-שטעלט געווארען דער מאנופאקטור-סוחר שמואל זנדל בענטשינסקי פון נאווא-מיעיסקא 28.

בענטשינסקי איז איבערגעגעבען גע-ווארען אונטער פאליציייאישער אויפזיכט

• • •

דעם מאנופאקטור-סוחר וואלף לעוו (פעטריקאווער 18) איז אין מאי פ. י. טעגוצאנט געווארען צו בעשטימען א „נאדזאר“. דאס אפעלאציע-געריכט האט אוצט מספים געווען מיט דער מיינונג פון לאדזער געריכט און נישט בעשטימט קיין „נאדזאר“.

שטרייק

(ב) אין י. באבאד'ס פאבריק (וואל-טשאנסקא 239) איז נעכטען אויסגע-בראכען א שטרייק צוליב'ן פרוב צו-רייסען די לוינען.

טעאטער און מוזיק

אין יודישען פאלקס-טעאטער

איינדרוקען פון א בעזוך

פאר דעם שטאטישען יודישען טעאטער-עולם איז דער „יודישער פאלקס-טעאטער“ אויף זגערזשער 17 גאר ווע-ניג בעקאנט. דערפאר האט דער טעאטער אין משך פון די עטליכע וואכען בעהוזען ארגאניזירען די ביימען שול-טען פון דעם אלטשטעטישען יודישען עולם.

איך בין מיך מודה ומתודה, אז איך האב וועניג צוטרוי געהאט צו דעם פאלקס-טעאטער, אזוי ווי צו אלע אנדערע נייע טעאטער-אונטערנעמונגען, וואס זאגען פיל צו און געבען וועניג און דעם פאל מוז איך אפשר זיך שלאגען על חטא, וואס איך האב געזינדיגט במחשבה...

דאס „פאלקס-טעאטער“ האט זיך איינ-געקליבען זיין זיץ-פלאץ אין הארץ פון דער אלט-שטאט. דער יודישער בעל-מלאכה, דער יודישער הארעפאשניק, דארט וואו מ'לעבט און מ'פיהלט יודיש דארטן איז דאס אמפיטעאטער ציוני-שען די יודישע מאסען א יודיש טעא-טער געווען א געלונגענער אויפטו. ס'איז דערום גאר קיין חידוש נישט, וואס דער יו-דישער פאלקס-טעאטער האט אין משך פון אזא קורצער צייט געוואונען די סימ-פאטיע פון אלע קרייזען און שיכטען פון דער אלטשטעטישער יודישער בעפעלקערונג.

דער טעאטער געפינט זיך וואס אנ'אמת נישט אין גאר קיין גרויסען זאל. דער עולם פיהלט זיך אבער דארט היי-מיש און רופט עס: אונזער טעאטער און אין דער אמת'ן איז עס אזוי: אנ'אמת'דיג יודיש פאלקס-טעאטער. איהר זעהט דא נישט די אנגעצויגענקייט. דא איז „עמך“. דער עולם דא פערשטעהט און קען דעם ארטיסט. ער לעבט-מיט מיט דער פיעסע. נעמט זיך איבער מיט די דראמאטישע קאנפליקטען. זוכט מען א לורעל, א קופלעטעל, ווערט עס מיט-געזונגען פונ'ם עולם, און טאמער וויל דער ארטיסט „דורכשמוגלען“ א סטראף קומט עס איהם נישט אזוי לייכט אן — דער עולם פאדערט דאס זינגען.

ווען איך בין דארט געווען, איז געווא-רען געשפילט אנ'אמעריקאנער פיעסע „גאסען-קינדער“ פון סיגעל. פון דעם טיפ אמעריקאנער פראדוקציע, וואס איז צוגעשניטען אזוי, ס'זאל „נעמען“: מיט טעניז, געזאנג, קופלעטען מיט א בוסעל טרעהרען צו. און געשפילט איז גע-ווארען גאר פיין. עס האט „געקלאפט“.

מיר האבען דא עטליכע בעקאנטע קרעפטען פון דער פאר א יאהרען יודישער טרופע און „פאלהארמאניע“: מאראם בעזמאן, דעם פריהעריגען באל-בירסקי, פאלאנסקי, גאלדבערג. רעגינא ראזענצווייג. די נעמען זענען אויך בע-קאנט. מיר האבען אבער אויך א רייה נטי-אנגאזשירטע ארטיסטען. פנים חדשות. רעגינא בוימאן איז א טאלאנטפולע סובי-רעטע, וואס צייכענט זיך אויס מיט א שעהנעם יודיש און זינגט און שפילט מיט א פיינערדיגען טעמפעראמענט. בע-וויזט זי זיך אויף דער סצענע, דוגערט דער זאל פון אפלאדיסמענטען. רעגינא בוימאן איז אבער צו גלייכער צייט א פע-הויגע דראמאטישע שוישפילערין. דאס האט זי בולט בעוויזען אין דריטען אקט פון „גאסען-קינדער“, וואו זי האט מיט פערשטענדניש אפגעשפילט די דראמא-טישע סצענע מיט איהר מאן — דעם פערפיהרער פון אנ'אומשולדיג מעדעל. די ראלע פון דער פערפיהרער האט גע-שפילט רעגינא ראזענצווייג. וועלכע האט אונז אויך איבערראשט מיט דעם פיינעם פערשטענדניס, וואס זי האט געמאכט

גרויס ערפאלג האט אויך דער כאראק-טער-קאמיקער פאסטעל (דער „פאלו-ציאנט פון „18-טען פאראגראף“), וואס ברענגט דעם עולם צו א געלעכטער פון טרעהרען. צום גוטען ראף אויך דער-מאנט ווערען טופמאן (אדוואקאט) און רחנאוו (ערשטער לובהאבער).

אוצט ווערט די טרופע ערגענצט מיט דעם אין לאדז גוט בעקאנטען ארטיסט-קאמיקער מאכאראווסקי, וועלכער איז נאר וואס צוריקגעקומען פון פאריז. מיט מאכאראווסקי'ן איז דער קאמפלעט פערטיג.

מיר ווינשען דעם יודישען פאלקס-טעאטער, וואס האט זיך אזוי גיך איינגע-בירגערט אויף דער אלטשטאט, פ.ל. ער-פאלג, אין דעם נייעם טעאטער זעהען מיר א נייע דער-ריכונג פאר דעם אלט-שטעטישען יודישען טעאטער-עולם און עם חארף ווערען ווארעם אונטערשטיצט.

אלף בית

מעלדונג.

דעם 14 ד. ח. 6 אוונד איז פאר-געקומען עקזאמענס פון מעטאל-צעך ביים צענטראלען האנדווערקער-פערבאנד פאלודניאווא 4. און אויסגעהאל-טען האבען די פאלגענדע מעטאל-מייסטערס:

מ. עדעלשטיין פאמארסקא 87, ה. לעווקאוויטש צעגעלניאנא 12, א. זילי-בערשטיין שקאלנא 7, י. באב אנגא 2/4, א. וויאנזאווסקי שקאלנא 9, ה. ל. ראי-זענצוויג צעגעלניאנא 50, ב. בלאך פאלודניאווא 25, הירשין ווסכאדניא 27 וו. זילבערבערג, פיעטריקאווער 59, קופמאן שוו. יאקובא 8, א. רעדער 11. ליסטאפאדא 11/13, האמערמעש פיעטריקאווער 88, נעלקענבוים ווסכאד-ניא 14, באראכאוויטש דלוגא 8, ברוין קילינסקיעגא 40.

דער צעך פאדערט אויף אלע מיט-גלידער פון צעך ווייטער צו קומען און איינצאהלען כדי די עקזאמענס זאלען פארקומען וואס שנעלער.

די פערוואלטונג.

כ. ד. און ב. ב.

אין לאדז קומען פאר אונטערהאנד-לונגען וועגען פעראייניגען די כאדע-קישע ארגאניזאציע מיט די „בעבע“.

קופאן № 102
אויף אומזיסטע יורידישע עצות.
דער בעזיצער פונ'ם דאזיגען קופאן קאן בעקומען אומזיסט יורידישע עצות דורכ'ן יורי-קאנסול פון אונזער רעדאקציע.
גילטיג היינט זונטאג
פון 3 ביז 4 נאכמיטאג
פאר דער בעקוועמליכקייט פון די פראווינצער לעזער.

א „מנהל“ און צווי אינקאסענטקעס קלויבען געלד ביי לאדזער פירמעס פאר א בלומרש'טער „תלמוד תורה“

דער שווינדעל ווערט ענטדעקט און אלע דריי ווערען איינגעזעצט אין ת. יסה

(§) אין 1927 איז געגרינדעט געווא-רען א תלמוד-תורה „עין החיים—עין הדת“ (צגעל-גאס 59), וואו עס האבען געלערנט ארימע קינדער. לעהרער און לעהרער פון חדר איז געווען דער 70-יעהריגער מרדכי אזשעגאווסקי פון זא-באדניא 54. דאס חדר האט זיך אויפגע-האלטען דורך נדבות און מתנות פון לאד-זשער פירמעס און פרוואט-פערזאנען. אלס אינקאסענטקע איז אנגאזשירט געווארען די 22-יעהריגע יומע-רויזע שעפלער פון אנדזשעיאוו. אין א יאהר נאך דער גרינ-דונג איז זי ליקווידירט געווארען. דער מנהל און די אינקאסענטקע האבען אבער נישט אויפגעהערט ווייטער אײנצוקאסי-רען געלד לטובת „עין החיים“.

זעהענדיג, אז ס'איז א „געשעפט“, האט פרל. שעפלער צוגענומען אלס גע-הילפין די 26-יעהריגע ביילע האפטמאן און ביידע האבען זיך פערנומען מיט דער „אינקאסע“.

עהערנעכטען איז די האפטמאן גע-גאנגען אין דער פירמע „משענסטאכא-וויען“ (פעטריקאווער 159), וואו זי האט געוויזען א בעפולמעכטיגונג און א מאפיל שע רשימה פון גרויסע נדבות. דעם די-רעקטאר איז די ליסטע פון די גרויסע פירמעס געווען פערדעכטיג און ער האט די אונקאסענטקע געהייסען קומען צו-מארגענס. אינצווישען האט ער זיך פער-שטענדיגט מיט די פירמעס, וואס האבען בלומר'שט געגעבען לטובת „עין החיים“, און מ'האט זיך ארויסגעוויזען, אז די אינ-קאסענטקע האט אין ערגעץ קיין פרוטה נישט בעקומען. אז האפטמאן איז גע-קומען נאכ'ן געלד, האבען אויך איהר געווארט געהיים-אגענטען.

בעת'ן פערהער האט די פערהאלטענע דערציילט, ווי אזוי זי און איהר חברותא זענען בעגאנגען די שווינדלעריען. אין משך פון 4 יאהר האבען די 3 פערשוינ-דלעך בעשווינדעלט 611 לאדזער פיר-מעס אויף פיל טויזענדער זל.

דער דריטלונג-שווינדלער זיצט שוין אין תפיסה אויף קאפערניק-גאס. געגען זיי ווערט פערפיהרט א פראצעס.

נייע נעמען פון 17 גאסען

עס איז בעשלאסען געווארען צו ענ-דערן די נעמען פון 17 גאסען אויף דער פעריפעריע פון שטאט.

יין כשר לפסח

ווילט איהר גוטען וויין אויף ארבע כוסות
און הנאה האבען פאר אייער געלד, נישט פערגעסט
קויפט ראדזינען-וויין דעם בעסטען
פון דער וויין- און מעהד-פאבריק פירמא פראגרעס

פאר א זלאטע פופציג קריגט איהר דארט
א באטשינקע וויין גאר אנ'אנטיק
און דערצו אויך אנדערע ווייגען
פון אונזער אייגענער פאבריק

פראגרעס נומער זיבען קויפען אלע
ווייל ער איז גוט, און ביליג אנערקענט
ווער עס קויפט איהם איינמאל
בלייבט אונזער שטענדיגער קליענט

מעהד און וויין די בעסטע סארטען
בעקומט איהר ביי אונז אלערליי
גוט און ביליג-איז נאר פראגרעס-וויין
אלטער מארק נומער צוויי.

טעאטער „פילהארמאניע“ נארוטאוויטשא 20.

לייטונג — א. בעזמאן.

נייעס פאר לאדז! ═══ נייעס פאר לאדז!

גאסטראלען פון דער בעקאנטער ארטיסטין פון ווילנער יוד. פאלקס-טעאטער

פראניא ווינטער (קאסקאדנע פרימאדאנע) | ש. קוטנער (ליבלינג פון לאדזער פובליקום)

היינט זונטאג, דעם 15. מערץ 9 אוונד פרייזען פון 1 ביז 3 זל.
מאנטאג, דעם 16. מערץ צו פאפולערע פרייזען פון 80 גראשען ביז 2.50
ס'ווערט אויפגעפיהרט די בעוואוסטע שלאגער-פיעסע

בעסער ווי פריהער

(א קרבן פון א שוועסטער)

אפערעטע אין 3 אקטען מיט געזאנג פון ז. ליבין

אין די הויפט-ראלען: סאניע — פ. ווינטער, שמואליק — ש. קוטנער

צווישען אנדערע שלאגערס ווערט געזונגען:

1) מיין געליבטער, 2) כ'קאן פערגעסען יעדען... 3) כ'קאן די מענער, 4) בעסער ווי פריהער, 5) א חתונה...

אין די פארשטעלונגען בעטייליגען זיך: פרויען: פ. ווינטער, ל. ראזענבערג, רעגינא לובארטאווסקא, נינא סיבירצעווא, גרוניא וויינשטאק. מענער: ש. קוטנער ד. האמבורגער, נ. רייכענבערג, ש. בלאכער, א. בלאט, ק. גוטמאן. כאר און ארקעסטער אונטער דער לייטונג דיריגענט לעאן זעלמאן

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון „פילהארמאניע“.

די איבערלעבענישען פון א לאדזער דעטעקטיוו

געשריבען ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט“

פון בערנארד הילער

מענש מיט א בעקאנטען נאמען.

נישט לאנג איז איהם געווען צו גע-וואונען די ליבע פון דער יונגער און שעהנער קינסטלערין.

אבער זיינע אינאויפהערליכע בעמיה-הונגען און צודרינגלישקייט, אז ער וועט זי מאכען פאר זיין פרוי, האבען ענדליך געשמאלצען דאס אייז פון רעניא'ס ווי-דערשטאנד און האבען געוואונען איהר יא-ווארט.

שטארק איבערגעגעבען דעם געליב-טען האט רעניא מספים געווען איבער-צוציהען זיך אין א בעזונדערער מיט לוקסוס און קאמפארט איינגעארדענטער וואוינונג אויף נאווראט-גאס 76. דארט האבען זיי עטליכע חדשים געפארען זיך אין וואוילטאג. עס איז געווען אין דער צייט, ווען ראבערט בערגער האט זיך געפינען אין ווילנא.

זיצענדיג אין ווילנא, האט ער נישט געראכט קיין אהנונג, ווי אזוי זיין שוועס-טער פיהרט זיך אויף אין לאדז.

פון טאג צו טאג, פון וואך צו וואך האט רעניא'ס פערפיהרער אפגעשלעפט מיט דער התונה מיט איהר. ער האט אנגעהויבען צו רעדען קאלטער און בכלל זיך בעמיהט ארויסצודרעהען פון גאנצען עסק.

ער האט דערצעהלט אז זיין אלטער פאטער איז זעהר קראנק און עס פאסט נישט פאר איהם, ער זאל אין אזא צייט שטעלען א חופה.

ער קען ווערען איינגערעדט רעדהע-

רעניא, אז זיין געליבטער וועט האבען חתונה מיט אנ'אקטריסע. דאס קען האבען א פאטאלע ווירקונג אויף זיין קראנק הארץ.

עס איז איהם אפילו געלונגען צו בע-רוהיגען רעניא'ן דעם פערדאכט, אז ער וויל זיך ארויסדרעהען פון זיין צוזאג. זי האט אודם געגלויבט און געווארט.

אבער ענדליך איז אנגעקומען דער טאג, ווען די פערפיהרטע רעניא האט זיך איינגעזעהן פון דעם חלום.

איהר געליבטער איז זאט געווארען פון איהר ליבע און האט אנגעהויבט בעציהונגען מיט אנ'אנדערער פרוי, א שענקערין. דאס איז געווען לאורא לאַ-ראנ, וועלכע ראבערט בערגער דאס געקענט אלס א'ש נעמען. עס איז אפילו געווען א צייט, ווען ביידע פרויען זענען געווען בעפריינדעט.

דאס איז געווען רעמאלס, ווען זייער כאמיליעס האבען געוואוינט אין א'ן ענגען הויף אויף זאכאדניא גאס

אז רעניא איז געווארען געוואר, אז דער מאן, וועלכען זי האט געליבט, האט זי פערלאזען, איז זי געווארען זעהר אויפגערעגט און אלס זעהר שטאלצע פרוי האט זי נאך דעם זעלבען טאג פער-לאזט זיין רייכע וואוינונג אויף נאווראט גאס, אין וועלכער עס האט זיך בעפונדען ארענגעצייכנעט איהר פריינדין לאורא לאראנ.

נראר אין דער דאזיגער צייט איז ראַ-בערט בערגער צוריקגעקומען פון ווילנא. יענע שעה, ווען ער איז געוואהר געווא-רען, וואס מיט זיין געליבטער שוועס-טער האט פאסירט, איז געווען איינע פון די שרעקליכסטע אין זיין לעבען.

ער האט פשוט געשריגען פון צער, אבער ער האט גארנישט געקענט ענ-דערן.

זיינע פיינע, צארטע שוועסטער איז געווען די געליבטע פון א געוויסענלאזען רייכען יונגערמאן, וועלכער האט יעצט, שוין א זאטער מיט איהר, אוועקגעווארפען, זי געוואלט אפ'פטר'ן מיט געלד און האט זיך אנ'אנדערע אויס געקליבען אויף איהר ארט.

דאס שרעקליכסטע דערביי איז אבער געווען דאס, וואס די דאזיגע אנדערע איז געווען א פרוי, וואס ער אליין האט געליבט און ליבט זי אלץ ווייטער, א פרוי, וועלכע ער האט אין היימער בענק-שאפט פערעהרט און האט, זעהענדיג אין ווילנא, נישט געקענט פערגעסען. דאס איז געווען אחח נעמאן, ווי זי רופט זיך יעצט לא לאראני.

רעניא בערגער, וועלכע איז דאן ארויס-געפאלען אין א שווערער קראנקהייט, האט זיך פולשטענדיג צוריקגע-צויגען פון מעאטער, ווייל איהר געזונד-צושטאנד און די נידערגעשלאגענקייט האט זי נישט געלאזט ווידער אויפטרעטען אין טעאטער.

איהר האט זיך געדאכט, אז די אלע פערעהרער איהרע, וואס האבען פריהער מיט בעגייסטערונג זי אויפגענומען, יעצט זי האט זיך בעוויזען אויף דער בינע, — וועלען זי אוצט בעגעגענען מיט שפאט און חוזק.

מעגליך, אז זי איגנאצען צוטראכטען און זי מוז זיך אויף אייביג געזעגענען מיט דער סצענע.

זי האט זיך צוריק ארײנגעצויגען אין דער וואוינונג פון איהרע עלטערן און

האט געוואוינט צוזאמען מיט איהר ברודער.

רעניא האט ביי'ן אופן נישט גע-וואלט אנעמען הילף אונטערשטיצונג פון איהר געוועזענעם רייכען פערעהרער און דאס געלד, וואס זי האט אפגעשפארט פון איהר שבירות אלס אקטריסע, האט זיך איהר אויך אויסגעלאזט. זי איז געפאלען צו לאסט דעם ברודער. דאס האט זי שטארק געקרענקט, הגם דער ברודער האט מיט דער גרעסטער צו-פרידענהייט עס געטהון.

ראבערט בערגער האט, צוריקקומענ-דיג פון ווילנא, האט א דאנק זיינע שטארקע רעקאמענדאציעס, גיך בעקומען א פאסטען אין דער גרויסער פאבריק פון ג.

מעכאניש האט ער גענומען זיין אר-בייט און ער האט פון טאג צו טאג גע-פיהלט, אז ער וועט סוף כל סוף אין א שעהנעם און העלען טאג ווידער צו-זאמענגעפראכען פון די לוידען, וואס זיין שוועסטער האט איהם פערשאפט.

אזוי האט אויסגעזעהן די לאגע, ווען ער איז דורך א צופאל פלוצלונג גע-וואהר געווארען, אז לא לאראני פאהרט אוועק קיין איסלאנד.

אין אויפרעגונג, נעפיינגנט פון איי-פערזוכט, איז ער אוועק פון רעהטעב, נישט זאגענדיג זיין שוועסטער, וואו ער געהט.

דער פערהער אין פאליצי-קאמיסאר-יאט האט נישט קשה'דיג לאנג געדויערט און דער שטאט-זיינער האט געשלאגען צוויי, ווען ער איז געקומען אהיים אין דער וואוינונג, אין וועלכער ער האט ווי עס איז שוין דערמאנט געווען, גע-וואוינט צוזאמען מיט זיין שוועסטער.

די וואוינונג איז בעשטאנען פון צוויי צימערן, וואס איינס פון זיי האט פער-נומען רעניא.

די שכנים אין הויז האבען געקענט די עלטערן פון די שוועסטער און ברו-דער, אבער זיי האבען זיך נישט אינ-טערעסירט דערמיט, וואס ראבערט און רעניא טוען.

דער סמרוזש האט בלויז געוואוסט צו זאגען, אז ראבערט בערגער ארבייט אויף א זעהר גוט-בעצאהלטען פאסטען אין א פאבריק.

זיין שוועסטער האט געפיהרט די ווירטשאפט אין דער וואוינונג. און דאס, וואס זי האט זיך זעלטען אונטערגע-האלטען מיט עמיצען פון די שכנים, איז געווען צוליב איהרע ליידען.

זי האט גערן געוואלט צוריק ווערען אקטריסע, אבער איהר אוצטוגער צו-שטאנד האט צו דעם נישט דערלאזט.

קומענדיג אהיים האט ראבערט בער-גער צו זיין איבערראשונג געטראפען זיין שוועסטער נאך אנ'אנגעטוענע זיצען ביים טיש, אויף וועלכען עס איז געווען נידעריג אראפגעהאנגען א לאמפ.

רעניא האט געטראגען אנ'אונפאסענדע מונקעל הויז-קלייד און איז געווען טויט-בלייך.

ראבערט האט זי אנגעקוקט און בע-מערקט, אז איהרע אויגען, וואס זענען געווען ארומגערונגעלט מיט שווארצע רענדער, האבען פוןבערהאפט געפלאַ-קערט.

האסט זי ווידער בעקומען א שווערען נערוועו אנפאל?

— פארוואס בויסט נישט געגאנגען שלאפען, שוועסטער? — האט אנגעהו-בען איהר האנד, וואס האט פיבערהאפט געגלוהט.

רעניא האט אויף א מאמענט צוגע-מאכט די אויגען און א שווערער זיפץ אנ'סטרוק האט זיך בעוויזען אויף איהר געזיכט.

(דאס ווייטערע קומט)

געשיכטענומער 5

דאס געהיימניש פון אויטא 19113

(7-טע פארטזעצונג)

ער האט זי געפרעגט, וואס איהר איז. זי האט אבער געגעבען אנ'אויסמיידענ-דיגען ענטפער, אזוי אז ער איז גאר נישט געוואהר געווארען.

ער האט זי אפגעווארט עטליכע טעג. רעניא האט אוהם אבער אויסגעמיטען און זיך געהיטען צוזאמענצוטרעפען מיט איהם.

ענדליך איז געקומען דער מאמענט, ווען זי האט זיך מודה געווען פאר איהם

עס איז געשעהן דאס, פאר וועלכען ער האט אזוי לאנג מורא געהאט.

רעניא איז געפאלען א קרבן פון א גע-וויסענלאזען פערפיהרער, וועלכער האט צוגענומען איהר עהרע.

ווינענדיג האט זי זיך פערטרויט פאר איהם, אז זי האט געהאט בעציהונגען מיט א געוויסען מענש. זיין נאמען האט זי לאנג נישט געוואלט זאגען, הגם דער הורגער האט זי זעהר לאנג גע-בעטען רעדעווענען.

דער פערפיהרער איז געווען דער די-רעקטאר פון א באנק, א זעהר רייכער

„שאַצונגס-קאָמיסיע אַ באַנדע לאַבוזעס"...
פּראָצעס איך לאָדזער קריין-געריכט

(§) דער 86-יעהריגער סטאַניסלאַוו סטראַליצקי פון אַרליאַ 23 איז געזעסען אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק אַלס אַנגעקלאַגטער אין בעליידיגען פינאַנץ-בעאַמטע.

סטראַלעצקי איז דעם 18. נאָוועמבער פ. י. געקומען אין 12-טען פינאַנץ-אַמט און זיך געווענדעט צום עקזעקוציע-רעפערענט אויגעניוש פּילינסקי מיט דער טענה, אַז מ'האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט אַ צו הויכען שטייער. דער רעפערענט האָט ערקלערט, אַז מיט די שאַצונגען פערנעמט זיך אַ ספּעציעלע קאָמיסיע. סטראַלעצקי'ן האָט דערויף אויסגערופען: „די שאַצונגס-קאָמיסיע איז אַ באַנדע לאַבוזעס". דער רעפערענט האָט וועגען דעם געמאָלדען דעם גאַטשעלניק פון פינאַנץ-אַמט, וועלכער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל. סטראַלעצקי האָט אונטערגעשריבען דעם פּראָטאָקאָל און צוגעגעבען מיט אייגענער האַנד: „דאָס וואָס איך האָב געזאָגט", ציה איך נישט צוריק".

אין געריכט האָט סטראַלעצקי זיך מודה געווען אין בעליידיגען די פינאַנץ-מאַכט אין מאָמענט פון דענערווירונג. ער איז פער'משפט געוואָרען אויף 2 וואָכען אַרעסט.

וואיעוואודזשיווע אַנולירט

(ב) די וואָיעוואודזטווע האָט צוליב פאָרמעלע טעמים מבטל געמאַכט אַלע בעשלוסען, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרען אויף דער לעצטער זיצונג פון דער לאָדזער האַנדווערקער-קאַמער.

באַנדיטען בעפאַלען דעם צוג לאָדז—וואַרשע

די פּאָליציי ווערט לעצטענס אַלאַרמירט צוליב די ערגסטע באַנדיטען-אָנפאַלען אויף צוגען, וואָס קורסירען אויף דער ליניע לאָדז — לאָוויטש — וואַרשע.

בעת אַ'אַבלאַווע אויפ'ן צוג לאָדז—לאָוויטש — וואַרשע האָט אַ פּאָליציי-פּאַטרויל, וועלכער איז מיטגעפאָהרען מיט די סחורה-וואַגאָנען, בעמערקט אויף דער באַהן-ליניע אינמיטען אַ רויט ליכט, וואָס בעדייטעט לויט דער באַהן-סיגנאַליזאַציע, אַז דער צוג זאָל בלייבען שטעהן. און אַ פּאָר מינוט אַרום האָבען זיך געהערט שאָסען, באַנדיטען, וועלכע זיי נען געווען בעהאַלטען אין רווי נעבען דער באַהן-ליניע, האָבען געוואָלט צווינגען דעם מאַשיניסט, ער זאָל אָפּשטעלען דעם צוג.

די פּאָליציאַנטען און באַהן-בעאַמטע האָבען געענטפערט מיט אַ שיסעריי.

פּאָליציי האָט נאָכגעיאָגט די באַנדיטען און 4 פון זיי אַרעסטירט. דער פינפטער מיט אַ דורכגעשאָסענעם האַלז איז אָפּגעפירט געוואָרען אין שפּיטאָל.

פירמע „שייבלער און גראָהמאַן" געווינט אַ פּראָצעס
געגען אַ צווייטע אינדוסטריע-פירמע פאַר נאָכמאַכען איהרע מוסטערן

(5) די פירמע „שייבלער און גראָהמאַן" האָט אין זיין צייט פערפיהרט אַ פּראָצעס געגען דער „בוימוואָל-מאַנופאַקטור, גאַמפּע און אַלבערעכט" דערפאַר, ווייל די פירמע גאַמפּע און אַלברעכט האָט זיך בענוצט מיט די מוסטערן, וואָס זענען פריהער פּאַטענטירט געוואָרען דורך „שייבלער און גראָהמאַן" די פירמע האָט דעריבער געפאָדערט, אַז די פירמע „גאַמפּע און אַלברעכט" זאָל תיכף אויפהערען צו געברויכען אין איהר פּראָדוקציע די מוסטערן און אַז די שוין פאַרטיגע סחורות מיט די בעטרעפענדע מוסטערן זאָל מען פערחתמענען און אין משך פון דריי יאָהר זאָלען זיי נישט ווערען פערקויפט, דערצו האָט די בע'עולה'טע פירמע געפאָדערט 10,000 זל. ענטשעדיגונג.

די אָנגעקלאָגטע פירמע האָט ערקלערט, אַז זי האָט זיך נאָר בענוצט מיט די דאָזיגע מוסטערן 2 וואָכען און נישט געוואוסט, אַז זיי זענען פּאַטענטירט און געברויכט געוואָרען דורך „שייבלער און גראָהמאַן".

דאָס געריכט האָט די תביעה בעריקזיכטיגט און צוגע'משפט נאָר 5000 זל. לטובת דער אָנקלאָגער-פירמע. דער אורטייל איז אָנגעקלאָגט געוואָרען אין אַפּעלאַציע-געריכט, וועלכע האָט פער'משפט צוצאָהלען נאָר 2000 זל. ענטשעדיגונג און 200 זל. געריכטס-קאָסטען.

וועגען די מאַטורא-עקזאַמענס

לעצטענס האָבען זיך בעוויזען אין אַ געוויסער היגער פּוילישער צייטונג צוויי פעליעטאָנען וועגען די הויכע „ספּעציעל-שטרענגע" מאַטורא-עקזאַמענס אין די פּריוואַטע גימנאַזיעס. די נישט-געשטויגענע נישט-געפלויגענע ידיעות ברענגען אַריין אַ צעטומלונג אין די געמיטער פון עלטערן און אין די רייהען פון דער נישט רייפער שול-יוגענד. עס ווערט אַפילו אין דער דאָזיגער צייטונג דערמאָנט אַ קאַטעגאָריע („בע"), וועלכע איז נישט בנמצא.

ווי מיר דערוויסען זיך פון אַ זיכערער קוועלע, ווערט דער גאַנג פון די מאַטורא-עקזאַמענס זיין דער זעלבער, ווי פאַר יאָהרען.

יודיש פאָלקס-טעאַטער זגערזשער 17 טעלעפאָן 193-03

מיטן אָנטייל פון די סובּרעטין רעגינאַ בוימאַן, אויפטריט פון דעם בעקאַנטען כאַראַקטער קאָמיקער, וועלכער איז צוריקגעקומען פון אַ טורנע איבער אויסלאַנד משה מאַכאַראָווסקי

היינט זונטאָג, דעם 15. מערץ 9 אָוונד צום 1. מאָל אין פאָלקס-טעאַטער די פרעהליכע קאָמישע פּיעסע. לאַכען אָהן אויפהער, פיל קאָמישע סצענעס

פריילין האָפּליא

אין 3 אַקטען מיט געזאַנג און טענץ.

מאָנטאג ד. 16. מערץ 9 אָוו. פּאָפּולערע פּרייזען פון 80 גר. ביז 2.50 צום ערשטען מאָל אין פאָלקס-טעאַטער די פאָלקס-פּיעסע, וועלכע איז געשפּילט געוואָרען מיט'ן גרעסטען ערפאָלג

געלד, ליבע, שאַנדע

אין 4 אַקטען פון זאָלאָטאַרעווסקי.

ס'נעמט אָנטייל פּרויען: בעזמאַן, בוימאַן, פּאָדערמאַן, מאַכאַראָווסקאַ, ראָזענצווייג מענער: באַלבירסקי, גאָלדבערג, דראַנאָוו, טופּמאַן, נייהויז, פּאָלאַנסקי פּאָסטעל. —— טעכנישער לייטער: ד. אַריעל, —— סופלער: וו. נייהויז, אַדמיניסטראַטאָר: נ. גאָלדשטיין.

דער זאַל איז געהייצט. בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון פאָלקס-טעאַטער.

בעמערקונג: פאָרשטעלונגען לטובת אינסטיטוציעס און פעראיינען ווערען פערקויפט צו צוגענגליכע פּרייזען.

אַנאָנס! אין פאָרבערייטונג: מאַמעס נשמה. דער גאָלדענער הוזאַר.

„זאַל פילהאַרמאָניע" נאַרוטאָוויטשאַ 20

היינט, זונטאָג, ד. 15-טן מערץ 12 בייטאָג פּאָפּולערער-קאָנצערט

פאַר קינדער, שול-יוגענד – און דערוואַקסענע – פון

נחומ'ל עפּשטיין

פאַר זיין אָפּפאָהרען פון לאָדז

פּרייזען 75 גר., 1 זל., 1.50, 2 זל. בילעטען אין קאַסע פילהאַרמאָניע.

נייע טראַמוויי-ליניע

די פערוואַלטונג פון דער טראַמוויי-דירעקציע אין לאָדז האָט בעשלאָסען צו פערלענגערן די טראַמוויי-ליניע פון נאַרוטאָוויטש ביז זאַגייניקאָווא-גאַס. די דאָזיגע אינוועסטיציע דאַרף קאָסטען 50.000 זל.

פאָרלעזונג
פון רעד. דרוגאַשעווסקי

היינט 11 פאַרמיטאָג וועט רעד. וויעניאַוואַ-דרוגאַשעווסקי האַלטען אַ פאָרלעזונג אין „הזמיר" (אַל. קאָשטשושקי 21) א.ד.ט. „פערער'ס טויט". די פאָרלעזונג איז געווידמעט דעם קאַמף פאַר אַ וועלטליך שול-וועזען.

מאַסען-פערזאַמלונג
פון גייסטיגע אַרבייטער

דינסטאָג וועט אין פעראיין פון די פּוילישע האַנדעלס-אָנגעשטעלטע (פּעטריקאָווער 108) פאָרקומען אַ גרויסע פערזאַמלונג געווידמעט דער מאַסען-רעדוקציע פון די אַדמיניסטראַציע-פּערסאָנאַלען אין דער לאָדזער אינדוסטריע.

לעבענסמיד דורך רעוומאַטישע שמערצען!

אין דער צייט פון דעם איצטיגען קריזיס פאַלען די טאָג-טעגליכע דאגות זעהר צולאַסט יעדען. און ווען עס קווע-לען איינעם דאַצו נאָך אומאויפהערליכע שמערצען. דעם קאָן באמת דאָס לעבען נמאס ווערען. דעריבער איז אויך זעהר אינטערעסאַנט דער בריף פון ה' פ. מאַנן, וואַרשע, קאָנאַרסקעגאָ 5, אין וועלכען עס שטעהט צ. א.: זייט יאָהרען לייד איך אויף רעוומאַטיזם. די אונערטרעגליכע שמערצען האָבען מיר דאָס לעבען פערמיאוסט און איך בין נישט געווען פעהיג צו קיין אַרבייט. איך האָב בענוצט אַ סך מיטלען, וועלכע האָבען לײדער נאָר פאָראיבערגעהענד געווירקט, ווייל נאָך אַ קורצער צייט האָב איך ווייטער שמערצען געהאַט. צופעליג האָב איך אַ בעקאַנטען פון ליידען ערצעהלט און ער האָט מיר געראַטען צו פּרוּווען טאָגאַל-טאַבלעטען, וועלכע ער האָט שוין אַליין מיט גרויס ערפאָלג בענוצט, בשעת ער האָט אויף נעווראַלגיע געליטען. לויט זיין עצה האָב איך אין אַפּטייק טאָגאַל געקויפט. מיט פרייד מוז איך פעסטשטעלען, אַז דער ערפאָלג איז געווען וואונדערבאַר. שוין זייט 3 חדשים האָב איך קיין שום שמערצען, איך פיהל מיך איצט פולקאָמען געזונד און קאָן שוין ווידער אַרבייטען. אויס דאַנקבאַרקייט און אויף נאמנות עמפּפעהל איך יעדען ליידענדען טאָגאַל-טאַבלעטען אַלס היילמיטעל. עס איז באמת נישט פערהאַנען גאָר קיין בעסערס איבער טאָגאַל געגען רעוומאַטיזם! גיכט, שמערצען און רייסען אין די געלענקען, ברעכען אין די ביינער, קאָפּ- און נערווען-שמערצען, גריפּע, ערקעלטונגען. איבער 6000 דאָקטוירים-אַטעסטאַטען, דערפון אַ סך בעריהמטע פּראָפעסאָרען. טאָגאַל איז עוקר מן השורש די קראַנקהייט אויף אַ נאַטירליכען אופן און איז אונשעדליך פאַר'ן האַרץ, מאָגען און אַנדערע אָרגאַנען. טויזענדער ליידענדע האָבען זייער געזונדהייט אַ דאַנק טאָגאַל-טאַבלעטען צוריק געווינען. פּרוּווט און איבערצייגט אייך אַליין פו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען.

ראַדיאָ פּראָגראַם

זונטאָג 15 מערץ

לאָדז (233,8) 11.58 שעה-צייכען און וועטער בעריכט אין פאַרלעזען פון טעגליכען פּראָגראַם ווי אויך קינא און טעאַטער רעפּערטואַר 12.15 סימפאָנישער פריה מאָרגען קאָנצערט פון דער וואַרש. פילהאַרמ. — 3. גראַמאָפאָן מוזיק קאָנצערט פאַר קינדער 3.40 פּראָגראַם פאַר קינדער (טר. פון וואַרשע) 4.10 לאָדזער פּאָסט קאַסטען 4,10 גראַמאָפאָן מוזיק פון וואַרשע, 4.40 פּאָרטראַג פון צענזאַרעלענאַ „פּיטיגרילי" (ר. פון וואַרשע) 4.55 גראַמאָפאָן מוזיק 5.15 אָנגענעהמע און ניצליכע ידיעות פון וואַרשע 5.30 פּאָרטראַג א. ט. די בעדייטונג פון קורצע כוואַליעס פאַר'ן שוץ פון דער מלוכה 4.55 גראַמאָפאָן מוזיק פון וואַרשע 5.45 פּאָפּולערער קאָנצערט פון פּוילישען ראַדיאָ אָרקעסטער — 7. פּערשידענעס, 7.25 פעליעטאָן (טר. פון וואַרשע) 7.40 קאָמוניקאַט פון מאַר הונדערטס יאָהר צוריק און פאָרלעזונג פון פּראָגראַם אויפ'ן נעקסטען טאָג, 7.50 לאָדזער ספּאָרט קאָמוניקאַט, — 8 האַרץ-שפּיל פון קראָקאָ 8.30 פּאָפּולערער קאָנצערט פון וואַרשע 9.15 ליטעראַרישע פּירטל שעה — פּראָגמענט פון דער ערצעהלונג „ד"ר מאַתעל" פון וואַרשע 9.30 רעציטאַל אויף מאַנדאָלינע טראַגיני—קאַזוראָם קלאַוויר (טר. פון וואַרשע) —10 פעליעטאָן דער פריהלינג איז נישט גרין" 10.15 לידער אויסגעפיהרט פון ס. מילצער, ביי דער פּיאַנאָ פּראָפ. ל. אורשטיין (טר. פון וואַרשע) 10,35 „פ. א. ט." וועטער פּאָליציי, און ספּאָרט קאָמוניקאַטען, ווי אויך טאַנץ מוזיק פון וואַרשע.

מאָנטאָג 16 מערץ

לאָדזש (233,8) 11.58 שעה צייכען 12.05 גראַמאָפאָן מוזיק 1.15 פאָרלעזונג פון טעגליכען פּראָגראַם ווי אויך קינא און טעאַטער רעפּערטואַר 2'40 פּאָרטראַג פאַר מאַטורישטען פון פּראָפ. ה. מאַשעווסקי (טר. פון וואַרשע) — 3. פּאָרטראַג פאַר מאַטורישטען א.ט. "דאָס גריכישע גאָלדענע יאָהרהונדערט (טר. פון וואַרשע) 3.50 לעקציע פראַנצויזיש 4.10 פּראָגראַם פאַר קינדער — 2 פעליעטאָנען פון וואַרשע 4.45 גראַמאָפאָן פּליטען פון וואַרשע 5.15 פּאָרטראַג פון קראָקאָ „די פערלוירענע אינזלען" פון פּראָפ. יאַן סמאָלענסקי 5.45 לייכטע מוזיק פון וואַרשע פון קאַפּעל-הויז "גאַסטראָנאָמיע" 9.45 פּערשידענעס 7.10 קאָמוניקאַט פון דער לאָדזער האַנדעלס קאַמער און פאָרלעזען פון פּראָגראַם אויפ'ן נעקסטען טאָג 7.25 גראַמאָפאָן מוזיק 7.40 ראַדיאָ פּרעסע זשורנאַל פון וואַרשע — 8 פעליעטאָן פון וואַרשע 8.15 אַ פּירטעל שעה פון אַ בוכהאַלטער (טר. פון וואַרשע) 8.30 מוזיק פּאָרטראַג פון וואַרשע 8.45 אָפּערע פון סטודיאָ „הערבום באַבילע" פון מאָניושקי — 10 פעליעטאָן (טר. פון וואַרשע) 10.15 גראַמאָפאָן מוזיק פון וואַרשע 10.35 "פ.א.ט" מעטעאָראָלאָגישער פּאָליציי און ספּאָרט קאָמוניקאַטען ווי אויך טאַנץ מוזיק פון וואַרשע

זעלבסטמאָרד

(ב) אין זיין היים אויף פראַנטשישקאַנער 49 איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך אויסטרינקען יאָדינע דער אַרבייטסלאָזער יעקב קרייזעלמאַן.

גנבה

(§) פון הענריק ריכטער'ס געשעפט פון טעכנישע אַרטיקלען (פּושעיאַוד 20) זענען דורך אַן'איינבּרוך אַרויסגע'גנב'עט געוואָרען לעדער-פּאַסען פאַר 3000 זל.

צום געבורטס-טאָג פון מאַרשאַל פּילסודסקי

דער קאָמיטעט צו פייערן דעם געבורטסטאָג פון מאַרשאַל פּילסודסקי בעט אונז מיטצוטיילען:

דעם 15., 16. און 17. ד. ח. וועט מען אויף די גאַסען, צוקערניעס, קינאָס, טעאַטערס און אין די רעסטאָראַנען פערקויפען ספּעציעלע קאַרטלעך און „גאַלעפּקעס", געווידמעט פּילסודסקי'ס געבורטסטאָג. זאָלען אַלע, וואָס האָבען צוליב געוויסע סיבות נישט געשיקט קיין גראַטולאַציעס קיין מאַדערא, אָהער האָבען נישט דעקאָרירט זייערע פענסטער מיט די „גאַלעפּקעס", אויסנוצען די געלעגענהייט און קויפען די געבורטסטאָג-קאַרטלעך און זאָלען זיי זיך נישט אָפּבערגעהמען דערמיט, וואָס די קאַרטלעך וועלען נישט אָנקומען קיין מאַדערא צום געבורטסטאָג, מחמת דער מאַרשאַל'ס פערבלייבט נאָך אויף מאַדערא הען נאָענטען חודש מערץ אַז", אַז די קאַרטלעך קאָן מען אוועקשיקען בוז'ן 30. מערץ ד.י.

לטובת די אָרימסטע

כדי צו בעעהרען דעם נאָמענס-טאָג פון מאַרשאַל פּילסודסקי, האָבען די בעאַמטע פון דער שטאָט-סטאַראָסטווע איבערגעגעבען דעם לאָדזער בירגער-קאָמיטעט 62.50 זל., די אָפיצירען און שערזשאַנטען פון דער לאָדזער פּאָליציי 362.45 זל., די בעאַמטע פון דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע 234.25 זל., דער בעקער-צעך 100 זל., די סטאַראָסטווע און קאָלאָ 1340,37 זל.

פון דער קאָנצערט-עסטראַדע
:O:

פידעל-רעציטאַל פון בראָניסלאַוו הובערמאַן

הובערמאַן קומט קיין לאָדז! אַ בעצויבערנד וואָרט, וואָס רופט אַרויס גרויס צויבערנד וואָרט, וואָס רופט אַרויס גרויס הער גרויסער צאָהל פון זיינע עלטערע אַנהענגער און פּעוואונדערער, נישט בלויז ביי אַלע פידעל-שפּילערס (פּראָפעסיאָנעלע און דילעטאַנטען), נאָר בכלל ביי אַלע מוזיק-ליבהאָבערס, וואָס גאַרען צו הערען איינעם פון די גרעסטע קינסטלער. יאָ, כמעט איינעם פון די אויסערגעוויינליכע גאונים אין דער קונסט פון פידעל-שפּילען!

שרייבען איבער'ן שפּילען פון הובערמאַן'ען, געבען אַ רעצענזיע, אָדער אַרויסזאָגען אַ מיינונג וועגען זיין אינטערפּרעטאַציע פון די פערלען פון די קלאַסישער מוזיק — איז נישט פון די גרינגע זאַכען.

וואָרום מיר ווייסען נישט איינציגער, וואָס צוערשט צו בעוואונדערען ביי דעם דאָזיגען גענויאַלען ווירטואָז, איבער וועמענס שפּילען עס לאָזט זיך בכלל נישט אָנווענדען קיין קריטעריום! צי זאָלען מיר זיך אָפּשטעלען אויף זיין סובערענע פּעהשערשונג פון דער פידעל אַלס מוזיקער בכלל; צי זאָלען מיר אונטערשטרייכען די קריסטאַל-קלאָרע רייניקייט פון זיין בריטען טאָן, צי זאָלען מיר בעוואונדערן בעטאָנען די גראַציעזע בויגען-פיהרונג, די צויבערהאַפטע קאַנטילענע (זינגי-טאָן), די „שפּילענדע" בעוועלטיגונג פון אַלע פּאַסאַזשען, גליסאַנדאָס פלאַזשאָלעטען, סטאַקאַטאָס און סתם טעכנישע שוועריגקייטען פון כל המינים; צי לאָזט זיך איבערגעבען די מעלאָדישע זיסקייט, וועלכע הובערמאַן איז אימשטאַנד אַרויסצוברענגען פון דעם שוין אַזש פידעלטערן, אָבער פיגורעטיווע שטעגליכן שעהנעם קאָנצערט פון מענדעלסאָן! נייז, דאָס מוז מען הערען, זעהען, בעוואונדערן און — דער עיקר — מיט עמפּפינדען.

אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען, בעגייסטערטע אויסרופען און אונאויפהערליכע פאָדערונגען פון „צוגאַבען" איז געווען דער ענטפער פון ענטציקטען עולם, וואָס איז דאָך געהאַלטען געוואָרען אין שפּאַן פון דעם בעגנאַדעטען קינסטלער, אָבער אויך אין דאָזיגען איבעריגען פון בענייסטערונג. אויך אין דער דאָזיגער מאַניפעסטאַציע פון העכסטער התפּעלות האָט נישט געפעהלט דער סטיכישער „רעוו" פון דער „פמליא של מעלה", וואָס האָט, ווי שטענדיג, שטורמיש „פאָרלאַנגט" אויף „בּיס", דווקא די אַבלאַגאַטאָרישע „צוגעגעבענע"... נישט אָפּגעפערטיג זיך קיין דין וחשבון, צי דאָס דאָזיגע „מוזיק-שטיק" וואָס האָט בשעתו געהערט צום פּראָגראַם פון די „פידעל-קונצנמאַכערס", אָבער וואָרט שוין היינט אויסגעפיהרט אין אַלע רעסטאָראַנען און קאַפעס, פּאַסט זיך אַריין אין די ראַמען פון דעם הענליכע ערנסט און קינסטלערישע הויך-שטעהענדע פּראָגראַם פון מייסטער הובערמאַן, און צי עס איז בכלל נאָך געשפּילט צו ווערען פון אונז אויף זיין רעציטאַל!

אַהאַרד.

פערשאָלטען בלוט
גרויסער שפּאַנענדער ראָמאַן פון דער היינטיגער צייט

(175 פאָרטזעצונג)

פרוי שולץ האָט אַ שפּרונג געטון, ווי פון געביסען פון אַ שלאַנג און אַרויסגעלאָזט אַ האַלב-אונטערדריקטער געשריי.

— וואָס דאָס ביזטו, קלאַראַ.

— יאָ, ליבע מוהמע, דאָס בין איך.

— וואָס ווילסטו דאָ ביי מיר? ביזטו קראַנק? – האָט פרוי שולץ האַסטיג אַ פרעג געטון.

— יאָ, איך בין קראַנק, איך בין קראַנק פון הונגער.

— האָט די פרוי געזאָגט.

— פון הונגער? אַזוי ווייט האַלט עס מיט דיר?

— אַך, פּעניג מיך נישט, מוהמע! גיב מיר ברויט און אַ נאַכט-לעגער כאָטש איין נאַכט. מאָרגען וועל איך ווייטער רעדען מיט דיר.

פרוי שולץ איז געוואָרען רויט אויפ'ן פּנים. עס האָט אויסגעזעהן, ווי עס וואָלט זיך דערוועקט אין איהר אַ שטאַרקער צאָרן. עס האָט געהאַלטען, אַז זי זאָל אַ געשריי געטון, אָבער דאָ האָט זיך בעלאַ דערנעהנטערט צו איהר און געמורמעלט.

— ערבאַרם פרוי. איהר וועט שטילען איינער הונגער. נישט אמת, פרוי שולץ?

— יאָ, בעלאַ. געהט און ברענגט עפּעס צו עסען דער אונגליקליכער.

זאָפאָרט האָט בעלאַ פערלאָזט דאָס צימער.

— אָבער, קלאַראַ, זאָג מיר, ווי האָסטו דיך דערוועגט און ביזט געקומען צו מיר?

— זיי נישט אַזוי האַרט, מוהמע, און לאָז זיין פערגעסען דאָס, וואָס איז געשעהן צווישען מיר און דיר. דו זיהסט, איך געפין מיך אין אַ שרעקליכער לאַגע. איך קען מיך קוים האַלטען אויף די פיס. איך האָב דורכגעמאַכט אַ ווייטען וועג, פון דער פאָרשטאָט ביז דאָ אַהער. איך בין שיער גישט געבליבען ליגען אויף דער גאַס. דאָס אומגליק האָט מיך פערפאָלגט.

— איך האָב דאָך געזאָגט, אַז צוליב יענעם מענש וועסטו אַריינפאַלען אין אַן אונגליק. פאַרוואָס האָסטו מיך נישט געפאָלגט?

— איך ווייס נישט. זינט אַ האַלב יאָהר האָב איך איהם מעהר נישט געזעהן.

— וואָס? ער האָט דיך פערלאָזט?

— אַזוי? ער וויל דיך מעהר נישט קענען? ער האָט אודאי אַלץ פערשפּילט און פערטרונקען. ביי גאָט, איך קען דיך קוים דערקענען. ביזטו אַליין? האָסטו קינדער?

— ניין, מיר האָבען נישט קיין קינדער.

— גאָט צו דאַנק. נו, קלאַראַ דו האָסט מיך נישט געפאָלגט. אָבער דו ביזט געשטראָפט. מען מוז פערגעסען און מ'דאַרף מוחל זיין. אויב דו וועסט מיר צוזאָגען זיך צו שיידען מיט דיין מאַן, וועל איך דיך אונטערשטיצען.

— ווירקליך, מוהמע, ווילסטו עס טאַקע טון. מיינסטו עס ערנסט?

— געוויס מיין איך ערנסט. דו זאָלסט נישט האָבען געקומען צו מיר אומזיסט.

— אַך, ווען איך וואָלט געוואוסט, וואָלט איך נאָך פריהער געקומען. איך האָב אָבער מורא געהאַט. מיין מאַן האָט אַזוי פיל אויסגערעדט אויף דיר. ער זאָגט, אַז דו ביזט שלעכטער פון איהם. עס איז אָבער נישט וואָהר. ער האָט בחינום אויסגערעדט אויף דיר.

— שווייג, שווייג, לאָמיר זיך נישט קריגען. איך וויל ווייזען דעם מאַן, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות אין דיר.

האָט פרוי שולץ געשטאַמעלט אין אַ פערלעגענהייט און האָט זיך אויסגעדרעהט, כדי צו בעהאַלטען די שעמעוודיגע רויטקייט, וואָס האָט בעדעקט איהר פּנים.

די טיר האָט זיך געעפענט און בעלאַ פעלד איז אַריינגעקומען מיט אַ טאַץ עסענוואַרג.

— זעצט אייך און עסט עפּעס, – האָט זי געזאָגט און האָט דעם גאַסט צוגערוקט אַ שטוהל.

די פרוי האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַ וואַקלענדיגע, אַנ'ערשעפּטע, צוגעגאַנגען צום טיש.

— בעלאַ, איהר וועט היינט שלאָפען ביי מיר. איך וויל איבערגעבען דער פרוי דאָס בעט, וואָס שטעהט ביי אייך אין צימער.

— יאָ, יאָ, פרוי שולץ, גוט עס. אָבער איהר האָט פערגעסען, אַז אין מיין צימער שטעהען צוויי בעטען.

— איך וויל אייך נישט לאָזען שלאָפען אין דער געזעלשאַפט פון דער דאָזיגער פרוי.

— פערוואָס נישט. מאַכט אייך נישט דערפון, עס איז אַנ'אומגליקליכע, פאַר וועלכע איך האָב דאָס טיפסטע מיטגעפיהל.

— יאָ. עס איז אַנ'אומגליקליכע, אָבער זי איז אַליין שולדיג אין איהר אומגליק. נו, ווען איהר ווילט דווקא שלאָפען מיט איהר אין וויין צימער, קענט איהר עס טון. די פרוי וועט זיך פרעהען. עס איז מיינס אַ קרובה, איהר קענט רעדען מיט איהר. איהר האָט אַזוי פיל שעהנע ווערטער. אפשר וועט אייך געלונגען צו ריהרען איהר האַרץ. איהר פערשטעהט דאָך, וואָס איך מיין?

— נישט אינגאַנצען, פרוי שולץ.

— איהר וועט שוין פערשטעהן. עס איז מיר וועהליג, אויב איהר ווילט מיט איהר אין איין צימער לאָזשירען. פרעגט אויס די דאָזיגע פרוי וועגען איהר גורל. זי וועט אייך שוין דערצעהלען.

דאָס דאָזיגע געשפּרעך האָט פרוי שולץ געפיהרט אין אַזאַ שטילען טאָן, אַז דער גאַסט, וואָס איז געזעסען ביים טיש און געגעסען מיט אַפּעטיט, האָט נישט געהערט קיין וואָרט.

פון צייט צו צייט האָט זי געוואָרפען אַ סימפּאַטישען בליק אויף בעלאַ'ן.

(פאָרטזעצונג קומט)

טליתים-פאַבריק

אויסאַרבייטונג פון וואָלענע, האַלב - וואָלענע
וויידענע טליתים כמו טערקישע, יאַראָסלאַווער
און קאַלאַמעער, ווי אויך אויסלענדישע, טליתים
קטנים הויט און דעטייל מיט אויספערטיגונג,
אויך גאַרטלען, שפּאַניעס און ציצית.
צו בעקומען ביליגער ווי איבעראַל ביי

א. ה. ציטרינאָווסקי,

קאַמיענגאַ 1, אין צווייטען טויער פאַרטער.
בעמערקונג: ס'ווערען אויך אָנגענומען אַלע
טליתים צו וואַשען.

אליכם אישים אקרא וקולי אל בני אדם בצדק כל אמרי פי ואין בהם נפתל ועקש

אויב איהר ווילט ערלעדיגען אייערע אָנ-
געווייטאָגטע ענינים זאָלסטו קומען
צו לויפען אין דעם ביוראָ

פּעטריקאָווער 17

2-טער הויף פּאַרטער

דורכגאַנג זאַכאָדניאַ 52, טעל. 148-79,
וואו מ'ווערט ערלעדיגט און געשריבען
אַלערליי ביטעס, קלויזלעך און זאַ-
האַזשעסטשעניעס אויף אַלע שטעט אין
פּוילען און משר פון 24 שעה. אַפּעל-
לאַציעס, אַפּאַזיציעס, אַדוואָקאַטעס, רע-
קורסען וועגען הסחור, וויזען און קאַ-
מיסאַריאַט-זשאַנדו. וועכסעל-אינקאַסאָ
אויף גאַנץ פּוילען און גאַליציען יוערען
פּינקטליך און געוויסענהאַפט ערלעדיגט
צו די ביליגסטע פּרייזן. שידוכים-אָבזער,
סטאַטוטען, איבערזעצונג אינטערציעס,
אקטען, דאַראָוויזגעס אַלערליי ספּראַכעס
ווערען אָנגענומען אדורכצופיהרען. עווענ-
טועל מיט אַנ׳ ד וו אָ ק אַ ט.

די איינציגע טאַכטער
פון ישראל מאַנעלע
2-טער הויף פּאַרטער, דורכגאַנג
זאַכאָדניאַ 52, טעל. 148-79.

בעמ.: דאָס ניי - „געבאַקענע" מאַנעלע-
ביוראָ אויפ'ן ערשטען הויף האָט נישט
קיין שום שייכות מיט'ן לאַנג-עקזיסטירענדען
ביוראָ, וואָס געפינט זיך

אין צווייטען הויף פּאַרטער

טעלעפאָן 148-79

טוך- און קאָרט-לאַגער

Sz Maroko, Łódź

נאַוואָמיעסקאַ 2 פרואָנט 1 שטאָק טעל. 159-48.
[illegible]

שייטלען

ביי מיר בעקומט מען גרייטע און בעשטעלטע
שייטלען ביליג ווי אויך קעמען קאַמיענאַ 1,
2-טען טויער, 2-טער שטאָק פראָנט ווייסקאָהל.

א צימער

איבערצוגעבען פּאַסענד פאַר אַ פּראָצאָווניע
אָדער פאַר 2 מענשען צו שלאָפען. א. פּישאָויף
פּולנאָצנאַ 9 אויספערקויף פון פערשידענע מאַ-
לער-שאַבלאָנען און שפּריץ-מאַשינען

אַ ווילדע

— אין —
ווישניאָוואַ - גורא,

שולדען-ריין, מיט וואוינונגס-געביידעס, אייגע-
נער וועלדער נאָהענט פון אַלגעמיינעם וואַלד
מיט 3 מאָרגעס לאַנד אין צענטער פון זאַפּאָרט
צו פערקויפען. פערמיטלער און רעפלעקטאַנטען
קענען זיך ווענדען אין דער אַדמיניסטראַציע
פון „לאָדזשער טאַגעבלאַט" אונטער F. R.

בוכהאַלטעריע

אַמעריקאַנישע און איטאַליענישע, לערנט אויס
גרינדליך פאַר 30 זל. אין פערלויף פון 1 חודש.
מאַשין-שרייבען לערנט אויס גרינדליך
דורך איין חודש פאַר 10 זל.

ביוראָ „קאָרעספּאָל"

61 צעגעלניאַנאַ 61

בעמ.: עס ווערט אויך ערלעדיגט אין ביוראָ
אַלערליי ביטעס אין אַלע אורזשענדעס און סאַנ-
דעס ווי אויך קלאַוזולעס און זאַבעזפּיעטשעניעס.

וויכטיג פאַר דאַמען!

נאָר פאַר 2.50 זל.
מאַכע איך די עלעגאַנטסטע
דאַמען - היטע נאָך דער
לעצטער פּאַריזער מאָדע און
די עלטעסטע היטע איבעראַר-
בייטע איך אויף גאַנצליך ניי.
געדענקט דעם אַדרעס:
23 זאַוואַדזקאַ 23
אין הויף, 2-טען איינגאַנג, לינקס פּאַרטער.
בעמ.: נייע היטען די לעצטע נייהייטען אין
פיינער אויס-
פערטיגונג - 50 פּראָצ. ביליגער ווי איבעראַל
„TOLA"

דאַמען-סאַקעווקעס

פון אַלטע פילץ-היטען אונט אָהצרשיך מענער
אָדער דאַמען-היט, מאַך איך די שענסטע פּאַ-
סאָנס סאַקעווקעס אין פיינסטער אויס-
פיהרונג צו שפּאָט ביליגע פּרייזען.

אַ לאָטעריע-צעטעל

פון דער 5. קלאַס 199.601 און אַ „זאַליטשעניע"
אויף 130 זלאָטיס פון דער עקספּעדיציע וויל-
טשינסקי איז פערלוירען געוואָרען. אַפּצו-
ברענגען געגען בעלוינונג צו וו. וויטעלזאָהן,
זגערזשער 15

מאַשין-אַזשוריסט

ווערט פון זאָפאָרט געזוכט, ווי אויך מאַשין-
שטיקערינס. צו ערפאַהרען פּיעטריקאָווער 83
ביי לעווינסקי.

א געוועלב

מיט אַ שויפענסטער און אַ שטוב מיט אַ קיך
אויף דעם גרינעם מאַרק № 8 זאָפאָרט אָי-
בערצוגעבען. צו ערפאַהרען ביי ליפּעל,
גרינער מאַרק № 6

---

50 זלאָטיס

בעקומט דער, ווער ס'וועט מיר שאַפען אַ
שטעלע אַלס געהילפס-בוכהאַלטער אָדער אין
איין לאַגער. אָפערטען אָפּצוגעבען אין אַדמי-
ניסטראַציע פון „לאָדז. טאַג." אונטער „D. G."

איך זוך צו קויפען

אַנ'איבערגעגאַנגענע שפּולמאַשין מעגליך מיט
פּאַראַפין-אַפּאַראַטען אויף 16 אָדער 18 שפּינ-
דעל אין גוטען צושטאַנד געגען קאַסע.
אָפערטען אונטער „S. P. 16.18" אָפּצוגעבען
אין אַדמיניסטראַציע פון „לאָדז. טאַגעבל."

אַ וואוינונג פון 7 צימערן

אין צענטרום פון שטאָדט (ביי פּיעטריקאָווער)
פּאַסענד אויף אַ האַנדעלס-לאָקאַל אָדער אַ ביוראָ
פון זאָפּאָרט איבערצוגעבען. צו ערפאַהרען
טעלעפאָניש 146-66.

הלא חכמה תקרא ותבונה תתן קולה

אם תקח אמרי ומצותי תצפן אתך,
אז תשכן בטח ושאנן, כי הלך בתום
ילך בטח ומעקש דרכיו יודע

איבער דעם זאָלסטו נאָר קומען אין ביוראָ

פון ד. מאַנעלע

וואָס איז איבערגעטראָגען געוואָרען פון
צווייטען הויף אויפ'ן ערשטען הויף
פּיעטריקאָווער 17, לינקע אָפיציגע
פּאַרטער, טעל. 124-95

וואו עס ווערט פּינקטליך ערלעדיגט, געוויסענהאַפט
געשריבען אַלערליי ביטעס: ציווילע, קאַרנע
האַנדלאָווע, אַפּעלאַציעס, אַדוואָקאַטעס,
קלאַוזולעס זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע
שטעט אין פּוילען, ווענען דירות און אורזשענד
ראָזפּראַטשי. ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע
שפּראַכען. בעמ.: קלאַוזולעס און זאַבעזפּיע-
טשעניעס ווערען ביי מיר ערלעדיגט אין
משך פון 24 שעה.
מיט אַכטונג ד. מאַנעלע,
פּיעטריקאָווער 17, 1-טער הויף

Dr. med. IGNACY MARGOLIS

אויגען-אַרצט
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
אַל. קאָשטשושקי 9 — טעל. 165-61
נעמט אָן פון 1-2 און 5-7

אַ געוועלב אויף מצות

מיט אַ שויפענסטער אין צענטרום שטאָט אויף
ווסכאָדניאַ גאַס צווישען פּאָלודניאָוואַ און צע-
געלניאַנאַ איבערצוגעבען אויף מצות. צו ער-
פאַהרען אין אַדמינ. פון „לאָדזשער טאַגעבלאַט".

צו וואָס ליידען שמערצען פון אַרצינקעס,

אז אין 2 טעג קענט איהר
זיי בעזייטיגען נוצענדיג פּלאַסטער „ראַדיקאַל"
פּרייז 30 גר. אויך קינסטליכער שניי נוצט אויף
פערשידענע פערוויילונגען, ווי בעלער חתונות
א.ז.וו. אַ שאַכטעל געניגט אויף 100 סעאַנסען
פּרייז 30 גר. צו בעקומען ביים ציטונגס פער-
קויפער, ווינער, פּיעטריקאָווער 10.

שרייבען שעהן און שנעל

לערנט אויס דער בעריהמטער קאַליגראַף
ל. בערמאַן אין 15 לעקציעס. אויך ווערט
אויסגעלערנט גוט שרייבען אַ יודישען
בריף אין 15 טעג, אפילו דעם וואָס קען
גאָרניט. די עלטער שפּילט קיין ראָלע ניט.

זאַוואַדזקאַ 19 וש., פ.

אַכטונג,

ציטונגס-פערקויפער!

יעדען מאָנטאָג פון 6—7 אין אָוונד
דיזשורירט די פערוואַלטונג.
יעדער בע'עולה'טער מיטגליד קאָן זיך מעלדען
אין די אויבען-אָנגעוויזענע שעה'ן.
די פערוואַלטונג.

פּוילישע שפּראַך

ווערט ערלערנט גרינדליך דורך אַ קורצער צייט
וואַכאָדניאַ 29, וו. 3.

די לאַנג - עקזיסטירענדע
מעבעל-פאַבריק
פון
M. ORENBUCH i S-ka
Łódź, Północna 31 (רוג סאָלנאַ)

אַרבייט אויס לוקסוס-מעבעל פון פיינסטען האָלץ און בעזיצט
שטענדיג אויף לאַגער פערשידענע מעבעל-שטיק
צו קאָנקורענץ-פּרייזען! קומט און איבערצייגט אייך!
...... די פירמע עקזיסטירט פון 1896 יאָהר ......

אונזער קונדשאַפט

פערגרעסערט זיך מיט יעדען טאָג.

דאָס איז דער בעסטער בעווייז, אַז אונזער וואַש-אַנשטאַלט
לויט'ן סיסטעם „TRI" געהערט צו די ערשטקלאַסיגסטע.
נאָר אַ ערשטקלאַסיגע אויספיהרונג פון דער רייניגונג.
די נייעסטע און איינציגע כעמישע וועשערייי און פערבעריי
אין פּוילען, וואָס ווערט געפיהרט לויט'ן סיסטעם „TRI"

P. WEBER i R. LEWANDOWSKI

Łódź, ul. 28 p. Strzelc. Kan. 34a, Tel. 149-34.

אייגענע פיליע: פּיעטריקאָווער 130, טעלעפ. 21-115

אויפנעהם-שטעלעס ביי:

א. קעפּש, פּיעטריקאָווער 223	ק. רופּרעכט, 11. ליסטאָפּאַד 24
מאַדלער, נ. רוטקאָווסקאַ 1	מ. הערמאַן, גלובנאַ 29
י. זשעזאַטש, אַנדזשעיאַ 47	ל. ליעטקע, נאַפּיורקאָווסקאַ 31
א. מאַקיבקאַ, אַל. אוניאַ 1 (קאָנסטאַנטינער וועלדער)	א. איי, צבראַמאָווסקיעגאָ 19

קינאָ
ZACHĘTA
זגיערזשער-גאַס 26.

פון היינט ביז'ן 18 מערץ איינשליסליך. אַ מיטרייסענד
פילם-קונסט-ווערק, געשאַפען אויפ'ן פאָן פון אַ רוסישען ראָמאַנס

„TRÓJKA"

דראַמע פון אַנ'איינזאַמער מענשליכער נשמה. הויפּט-ראָלען:

Olga Czechowa, H. A. Schlettow

מיט'ן אָנטייל פון אַ כאָר.

אויסגעצייכנט. אָרקעסטער אונטער לייטונג פון י. סטעפּאַנסקי
אָנפאַנג פון די סעאַנסען אין די וואָכען טעג 4 אַ זייגער נאָכ-
מיטאָג, - שבת, זונטאָג, און חגאות 12 אַ זייגער פאַרמיטאָג.
פּרייזען ערמעסיגט. דער זאַל איז גוט געהייצט.

די שענסטע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען

און סאָלידע אויספיהרונג איז נאָר אין דעם
ערשטקל. קונסט - פאָטאָגראַפישען אַטעליער

„PARISIEN"

אינהאַבער: ה. סראָקאַ, לאָדז, פראַנציסקאַנער № 30
עס ווערען אויסגעפערטיגט אַלערליי אַרבייטען, וואָס אַנבעלאַנגט
צו פאָטאָגראַפיע, ז. ב. רעפּראָדוקציעס פון מאַלער - בילדער,
מאַשינען-פּלענער, אַרכיטעקטור, פאַבריקס-לאָקאַלען, אינערן און
אויסערן-אויפנאַמען, פּעראַיינס-בילדער, גרופּען, בעלער, באַנקע-
טען, אַרטיסטישע קרייזען, אַמאַטאָרען-פאָרשטעלונגען א. אז. וו.
אַלע אויפנאַמען ווערען אויסגעפיהרט דורך מיר פּערזענליך.
ספּעציאַליטעט פון פּאָרטרעטען, ווי אויך אַ גרויסער אויסוואַהל
פון פערשידענע ראַהמען, צו זעהר ביליגע פּרייזען.
צופאָהר מיט די טראַמווייען 1, 6, 14.
מיט אַכטונג

Zakład Fotograficzny
„PARISIEN"
wł. H. SROKA
Łódź, Franciszkańska 30

ב"ה

בעקאַנטמאַכונג

וויכטיג נייעס פאַר אַלע יודען!

צוליב'ן פערלאַנג פון פיל יודישע לעזער סימפּאַטיקער פון ספרי
צדיקים, האָב איך אַרויסגעגעבען אויך אויף יודיש די בעשרייבונג פון
בעוואוסטען צדיק וקדוש עליון מרן ר' ישכר בער מראַדאָשיץ זצ"ל,
וועלכעס רופט זיך ספר „פועל ישועות" וואָס איך האָב איבערגע-
זעצט פון ספר „נפלאות הסבא קדישא". וואָס איך האָב אַרויסגע-
געבען כדי יעדער יוד זאָל קענען לעזען און פערשטעהן די וואונדער-
ליכע זאַכען, וואָס עס איז געטון געוואָרען דורך דעם א"ד צדיק זי"ע.
איך בין זיכער, דאָס ווער עס וועט עס לעזען וועט זיך געוויס פער-
שאַפען אַנ'אמת'ן עונג רוחני. גלייכצייטיג בין איך מודיע דאָס עס איז
נאָך ביי מיר צו בעקומען דאָס ספר „נפלאות הסבא קדישא" מיט
ריגאַל פּאַפּיר אין אַ זעהר שעהנעם בונד צום פּרייז 3 זל. פאַר אַ ספר.
אויך איז ביי מיר צו בעקומען דאָס בילד פון דעם זעלבען צדיק וקדוש זי"ע
הצעיר ראובן חיים אלכסנדר בעהמח"ס נפלאות „הסבא קדישא"
טשאַרניכאַ לאָדז, קאַמיענגאַ 17.
די ספרים זענען אויך צו בעקומען אין די ספרים-סקלאַדעס:
ש. שאַפּיראָ, פּולנאָצנאַ 6, ח. ראָטענבערג, נאָוואָמיעסקאַ 31 און
י. שלאָמאָוויטש, נאָוואָמיעסקאַ 16.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
זאַוואַדזקאַ 1.

נאָר פאַר ווענערישע הויט-קראַנקהייטען און מענער-
שוואַכקייט אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער
קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און
נערוועז-קראַנקהייטען.
[illegible]

טעגליך פון 8 אַ זייגער פריה ביז 9 אָוונד
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג
בעזונדער וואַרטע צימער פאַר פרויען

וויזיט 3 זלאָטעס

אַכטונג, ציטונגס-פערקויפער!

די פערוואַלטונג מאַכט בעקאַנט אַלע ציטונגס-פערקויפער, אַז די
רעדאַקציעס הן די יודישע, הן די פּוילישע, ווי אויך די קאָנטאָרען
בעקלאָגען זיך, אַז איהר ציטונגס-פערקויפער גיט אויסצולעזען ציטונ-
גען, וועלכעס ווי איהר זעלבסט פערשטעהט, איז דאָס זעהר שעדליך
צום געזונד, דען די ציטונג געהט אַדורך דורך פיל לעזערס און דאָס
קען געוויס ברענגען שאָדען צום געזונד, ווי אויך קען מען דאָס אָנ-
רופען גנבה. וואָרנען מיר אייך צום לעצטען מאָל, אַז אין פאַל, אַז
איהר וועט ווייטער אַזוי פיהרען זיך, וועלען מיר געבען די רעדאַקציעס
און די קאָנטאָרען פרייע הענד, אַז זיי זאָלען צוגרייסען די אויסגעלע-
זענע ציטונגען און ווען דאָס וועט אויך נישט ווירקען אויף אייך, וועט
לען מיר זיין געצוואונגען אָנצונעהמען מיטלען דורך די רעגירונגס-מאַכט.
גלייכצייטיג בעטען מיר דעם געעהרטען פּובליקום, אַז זיי זאָלען
נישט זיין קיין מסייע לעוברי עברה, דען די ציטונגען זענען אַזוי אויך
ביליג, קען מען זיך נאָך ערלויבען צו קויפען אַ ציטונג און ווען איי-
ער האָט נישט די פּאָר גראָשען אויף אַ ציטונג, קען ער לעזען ביי
דעם טויער פון די רעדאַקציעס אומזיסט.
מיט אַכטונג די פערוואַלטונג.

„הצפירה"

עתון יומי, מדיני וספרותי (נוסד בשנת תרכ"ב)
מופיע בוורשה מיום הראשון, 15 מרץ 1931
בהשתתפות טובי הסופרים העברים.
הכתבת: „Hacefira", Warszawa, Leszno 54, tel. 709-95
מתקבלת החתימה:
בפולניה — לחודש 7 זהובים.
הכתבת למשלוח מכתבים:
„Hacefira", Warszawa, skrzynka pocztowa 509
בלודז „הצפירה" ישולח ע"י שליחים מיוחדים בבקר השכם.
בכל עניני „הצפירה" לפנות: לבא כח של „הצפירה" ז. ווינער,
קונסטנטינובסקה 49.

האַנדעלס-קאָרעספּאָנדענץ

פּוילישע, דייטשע, פראַנצויזישע, ענגלישע

ערלעדיגט דאָס ביוראָ
„אַרגוס"

זאַכאָדניאַ 36
טעלעפאָן 108-47

מעכאַנישע שלאָסעריי און ווייסעריי

J. Reder, Łódź

Konstantynowska 11 (róg Zachodniej)
נעמט אָן פערשידענע שלאָסעריי-אַרבייט און אויטאָגענישע
שווייסונגען אונטער גאַראַנטיע.
פּריוואַט-וואוינונג גדאַנסקאַ 20, וו. 17.

לעזט און אַבאָנירט
לאָדזשער טאַגעבלאַט

אַבאָנעמענטס-פּרייז [illegible]
Redaktor-wydawca B. Hamburski
Drukarnia S. i M. Hamburskich w Łodzi Piotrkowska 86.